# לעבען

## העפטען פון צייט צו צייט
## פאר ליטעראטור
## קונסט און פובליציסטיק

7—8

אונטער דער רעדאקציע
פון משה שאליט

געווידמעט דעם אנדיינקען פון
ש. אנ—סקי (שלמה ראפאפארט)

## אינהאלט:


1) פאָרטרעט פון ש. אנסקי. — — — — — — — — —
2) ביי אונז פארגיסט מען ניט קיין בלוט (ערציילונג) — ש. אַנ—סקי.
3) אַנ—סקיס לעצטע בריוו. — — — — — — — — —
4) ש. אַנ—סקי (שטריכען און ערינערונגען) — ד״ר צ. שאַבאַד.
5) א האלב יאָר זכרונות וועגען ש. אַנ—סקי. — ח. לונסקי.
6) איינער פון די דריי (וועגען ש. אַנ—סקי). — ש. ל. ציטראָן.
7) ש. אַנ—סקי (זכרונות) — — — ד״ר י. וויגאָדסקי.
8) ש. אַנ—סקי (ביאָגראפישע נאָטיצען) — — — ז. רייזען.
9) צו דער כאראַקטעריסטיק פון ש. אַנ סקי — מ. שאַליט.
10) דאָקומענטען פון — — — — — — — ש. אַנ—סקי.



ווילנע

דעצעמבער—1920



ש. אַנ-סקי (שלמה ראפאפארט)

1920—1863

די ערציילונג „ביי אונז פאַרגיסט מען ניט קיין בלוט" און די בריוו, וואָס ווערען ווייטער געדרוקט, זיינען אנ—סקיס לעצטע ווערק. די ערציילונג האָט ער אייגענהענטיג פאַרריכט און די בריוו געשריבען אין טאָג פון זיין טויט.

די לעצטע מאָמענטען פון אנ—סקיס לעבען באַשרייבט גענויער ד"ר שאַבאַד אין זיין אַרטיקעל.

הקהלה העברית | יידישער קהילה
ווילנע
U-16-



# „ביי אונז פארגיסט מען נים קיין בלוט".

(פון מיינע ערינערונגען).

אינמיטען די ניינציגסטע יארען פון פאריגען יארהונדערט איז געקומען אין פאריז דער באוואוסטער וויסענשאפטסרייזענדער און פארשער פון סיביר גריגארי ניקאלאיעוויטש פאטאנין, דער פאפולערסטער מענש אין סיביר, וועלכער איז נאך דער רעאלוציע פון 1917=טען יאר געווען אויסגעוויילט אלס פרעזידענט פון דער סיבירער רעפובליק. געקומען איז ער אין פאריז, כדי צו ארבעטען אין דער פאריזער עפענטליכער ביבליאטעק, זאמלען מאטעריאלען פאר א גרויסער ארבעט: „דער איינפלוס פון די מיטעלעלטערישע אייראפעאישע ראמאנען אויף דעם מזרחדיגען עפאס". דאס ווערק אונטער דעם נאמען איז ערשינען מיט עטליכע יאר שפעטער אין רוסלאנד און האט ארויסגערופען א געוויסען אינטערעס אין דער וויסענשאפטליכער וועלט.

באקאנט האב איך זיך מיט פאטאנינן ביי דעם באוואוסטען רוסישען פילאזאף און רעוואלוציאנער, פעטער לאווראוו, וועלכער האט זיך גערעכענט פאר דעם פארשטייער פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער עמיגראציע אין פראנקרייך און אפילו אין גאנץ אייראפע. איך געדיינק שוין ניט, ווי אזוי איך האב זיך באפריינדעט מיט פאטאנינען, נאר אין א. פאר וואכען נאך זיין קומען, זיינען מיר שוין געווען אזוי נאנט, אז ער האט זיך איבערגעקליבען צו מיר אין דירה, וועלכע איז באשטאנען פון צוויי קליינע חדרים

געווען איז פאטאנין זעהר אן אריגינעלע פערזענליכקייט. א פארחלומטער, א צושטרייטער, האט שטענדיג פארלארען אדער פארגעסען זיינע מאנוסקריפטען, געלט און חפצים, פלעגט פארגעסען, וואס ער פלעגט צוזאגען, פלעגט באשטימען באזוכען און אליין ערגיץ וואו אוועקגיין א. ד. ג. זיין חדר איז געווען א רשות=הרבים, וואוהין עס פלעגען קומען אלערליי סיבירער סטודענטען און סטודענטינס אדער גלאט סיבירער רייזענדע און פלעגען אויפפירען זיך ביי אים אין חדר, ווי ביי זיך אין דערהיים, און פלעגען עסען, טרינקען, ניט געפרעגטערהייט, מיטנעמען זיינע ביכער און אפילו בגדים. מיט יעדען סטודענט אדער סטודענטין האט ער זיך געהאלטען אזוי, ווי דאס וואלט זיין זיין נאענטסטער און אינטימסטער פריינד. נאר באמת האט ער מערסטענטייל ניט געוואוסט אפילו, ווי עס הייסען זיינע געסט און פון וואנען זיי האבען זיך גענומען. ער האט זיך ניט געקענט פונאנדערקלייבען אין מענשען. אלע, מיט וועמען ער האט זיך באגעגענט, האבען זיך אים פארגעשטעלט ווי די גרעסטע אידעאליסטען און מען האט אים שטענדיג עקספלאאטירט אויף דעם חוצפהדיגסטען אופן.

איך בין פיל אויסגעשטאנען פון זיין שכנהשאפט אין דעם משך פון די פאר חדשים, וואס ער האט ביי מיר געוואוינט. איך האב ניט געהאט קיין רו ניט טאג ניט נאכט, בין געווען פארדולט פון די רעוחים און זינגערייען, וועלכע זיינען פארגעקומען אין פאטאנינס צימער. איבערהויפט האב איך געליטען

דערפון, וואָס פּאַטאַנין האָט גערעכנט פאַר גויטיג באַקאַנט מאַכען, מיך מיט אַלע זיינע באַזוכער און אַפּשיקען זיי צו מיר מיט אַלע בקשות, מיט וועלכע זיי האָבען זיך געווענדעט צו אים. אויף אַזאַ אופן בין איך באַקאַנט געוואָרען מיט דער גאַנצער סיבירער קאָלאָניע, וועלכע האָט מיך גערעכנט, אין אַ געוויסער מאָס, פאַר פּאַטאַנינס פאָרשטייער.

ווען פּאָטאַנין האָט זיך אומגעקערט אין סיביר, האָט ער אָן מיר אויך ניט פאַרגעסען. ווען עמיצער פון זיינע באַקאַנטע פלעגט פאָרען אין פּאַריז, פלעגט ער אים געבען אַ הייסען רעקאָמענדאַציאָנס-בריוו צו מיר און פלעגט אים אָנזאָגען, אַז ער קען זיך פילען ביי מיר, ווי ביי זיך אין דערהיים. און אייניגע האָבען בוכשטעבליך מקיים געווען זיין אָנזאָג. די יונגע לייט האָבען אָפּגענומען ביי מיר זעהר פיל צייט. איך האָב געמוזט באַזאָרגען אַלע זייערע נויטען. באַמיען זיך וועגען איינעם, מען זאָל אים צונעמען אין אוניווערסיטעט, דעם צווייטען קריגען אַרבעט, דעם דריטען באַזאָרגען מיט אַ דירה א. ד. ג. איינמאָל, קומענדיג שפּעט ביינאַכט אַהיים, האָב איך געפונען ביי זיך אין בעט צוויי געזונטע סיבירער מיידען, וועלכע האָבען געשמאַק געשלאָפען. אויפן טיש איז געלעגען אַ צעטעל: „וועקט אונז ניט, מיר האָבען צוויי נעכט ניט געשלאָפען. ניט וויסענדיג די שפּראַך, האָבען מיר דאָ ניט געקענט געפינען קיין דירה. מאָרגען וועלען מיר אייך דערציילען ווער מיר זיינען, דערוויייל זוכט זיך אָפּ ביי וועמען עס איז פון אייערע באַקאַנטע אַן אָרט איבערצונעכטיגען. ווי אונזער פריינד פּאָטאַנין האָט אונז אייך פאָרגעשטעלט, זיינען מיר זיכער, אַז איר וועט אויף אונז קיין פאַראיבעל ניט האָבען". צו דעם צעטעל איז געווען צוגעלייגט אַ הייסער רעקאָמענדאַציאָנס-בריוו פון פּאָטאַנינען.

---

איינמאָל, זיינען צו מיר אַריינגעקומען צוויי גאַנץ אומגעוויינליך געקליידעטע מענשען, אין וועלכע עס איז ניט שווער געווען צו דערקענען אַזיאַטען. איינער, אַ מאַן פון אַ יאָר 40, אַ טיפּישער קאַלמיק, מיט שטאַרצענדע באַקען, שמאָלע, קרום געזעצטע אויגען, איז געווען אין אַ וואַטענעם כאַלאַט און אין אַ שפּיציגער הויכער היטעל, עפּוואָס ענליך אויף אַ שטריימעל. דער צווייטער, אין דעם זעלבען עלטער, אַ ראַזיהטער, מיט קאַלטע, רואיגע, קלוגע אויגען און מיט אַ פאַרשפּינעהטען אויסדרוק אויפן געזיכט, איז געווען אויך אין אַ לאַנגען כאַלאַט, פון אונטער וועלכען ס'האָט זיך געזען אַ סרויען-יופּע פון געלען שטאָף. אויפן קאָפּ איז ביי אים געווען אַ קיילעכדיגע היטעל און אַ דאַשיק, מיט אַנגעראַזירטע באָרד און וואָנסען. און דער געלער יופּע, איז דער מענש געווען ענליך אויף אַ פּרויעסטיסער.

דער עלטערער האָט מיר דערלאַנגט שווייגענד אַ בריוו. דער בריוו איז געווען פון פּאָטאַנינען. ער האָט געשריבען, אַז ער רעקאָמענדירט מיר זעהר אויס זייגע צוויי פריינד, וועלכע פאָרען אין פּאַריז וועגען אַ וויכטיגען ענין. איינער (דער וואָס איז געווען אין דער יופּע) הייסט אַהגאַן דזשאַרדזשיעוו, ער

ווי פֿון טיבעט און איז אַ לאַמאַ (דאָס הייסט אַ מיניסטער און אַ גייסטליכער ביי דער פּערזאָן פֿון טיבעטישן קיסר דאַלאַי-לאַמאַ); דער צווייטער, אַ בוריאַט פֿון סיביר, בודאַ ראַבדאַנאָוו, פֿאָרט צוזאַמען מיטן לאַמאַ, ווי אַ דאָלמעטשער.

בודאַ ראַבדאַנאָוו האָט זיך צו מיר געווענדעט אין רוסיש. ער האָט געענדיגט אין אירקוטסק 6 קלאַסן גימנאַזיע און רעדט גוט רוסיש, נאָר פֿראַנצויזיש ווייס ער קיין וואָרט ניט. דער לאַמאַ פֿאַרשטייט קיין רוסיש אויך ניט און רעדט נאָר טיבעטיש.

די ביידע געסט האָבן מיך פֿאַראינטערעסירט מער ווי אַלע, וועמען פּאָטאַנין האָט געשיקט צו מיר. טיבעט איז דאָס איינציגע לאַנד אין דער וועלט, וועלכע עס האָט ביז די 70—80 יאָרן ניט איבערגעטראָטן קיין איין אייראָפּייער. פֿון דאָרטן איז אויך קיין איין מענש ניט אַרויסגעפֿאָרן קיין אייראָפּע. דאָס לאַנד האָט זיך געפֿונען אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פֿון כינע און האָט געלעבט מיט זיין אָפּגעזונדערטן אייגנאַרטיגן לעבן. דער קיסר פֿון טיבעט, דער דאַלאַי-לאַמאַ, איז אין דערזעלבער צייט אויך דער העכסטער גייסטליכער, אַ מין פּאַפּאַ, און זיינע מיניסטאָרן, די לאַמאַען, זיינען אויך גייסטליכע, ענליך צו קאַרדינאַלן. אַוואַן דזשאָרדזשיעוו, וועלכער איז געשטאַנען פֿאַר מיר, איז דוכט זיך, געווען דער ערשטער טיבעטאַנער, וועלכער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון זיין לאַנד און געקומען אין צענטער פֿון אייראָפּע, פּאַריז.

איך האָב גענומען פֿאַנאַנדערפֿרעגן מיינע געסט, וועגן וואָס זיי זיינען געקומען אין פּאַריז. מיין פֿראַגע האָט בודאַ ראַבדאַנאָוו איבערגעזעצט דעם לאַמאַ און מיר איבערגעגעבן זיין ענטפֿער. אַזוי האָט זיך די גאַנצע צייט געפֿירט דער געשפּרעך צווישן אונז. בודאַ ראַבדאַנאָוו האָט זיך באַצויגן צום לאַמאַ מיט אַ מוראדיגן כבוד, כמעט מיט אַ פֿאַרגעטערונג. אין זיין געגנוואַרט איז ער ניט געזעסן און אָן זיין ערלויבעניש קיין זאַך ניט אונטערגענומען.

אויף מיין פֿראַגע האָט דער לאַמאַ געענטפֿערט, אַז דער ציל פֿון זייער קומען איז פֿרעליגיעזער. מיט פֿיל הונדערטער יאָרן צוריק האָט מען פֿון זייער טעמפּעל אַרויסגעגנבֿעט און אָפּגעפֿירט אין פּעקין 12 זילבערנע שיסעלעך, מיט וועלכע מען באַנוצט זיך בשעתן גאָטעס-דינסט צו בודאַ. ביי דער אונטערדריקונג פֿון כינעזישן אויפֿשטאַנד, ווען דאָס אייראָפּעאישע מיליטער האָט באַרויבט פּעקין, האָבן פֿראַנצויזן געגנבֿעט די שיסעלעך, געבראַכט זיי אין פּאַריז און אויסגעשטעלט אין מוזיי פֿון רעליגיאָנען, וועלכער הייסט „מוזיי גימע". דער לאַמאַ איז געקומען אָנקוקן די שיסעלעך און באַשטעלן אָפּגיסן פּונקט אַזעלכע, כדי אָפּפֿירן זיי אין טיבעט. די מעשה מיט די שיסעלעך האָט מיר אויסגעוויזן גאַנץ פֿאַנטאַסטיש. אמת, דער לאַמאַ מיט בודאַ ראַבדאַנאָוו זיינען געווען אין „מוזיי גימע", דאָרט אויסגעזוכט די שיסעלעך און באַשטעלט ביי אַ גאָלדשמיד, ער זאָל אָפּגיסן 12 פּונקט אַזעלכע שיסעלעך. אָבער [illegible] מיט אַמאָל איך זיך דערוווּסט, אַז די אַזיאַטישע געסט האָבן מיטגעבראַכט נאָך אַ בריוו צום פֿראַנצויזישן פֿאָרשטייער פֿון אַזיע, פּרינץ באַטאָלטאַן. דעם

פרינץ נאפאלעאן האבען זיי עטליכע מאל באזוכט, געווען איינגעלאדען צו אים אויף מיטאג און ווינען, דוכט זיך, דורך אים געווען פארגעשטעלט איינעם פון די מיניסטארען. געוויס זיינען זיי געקומען אין פאריז מיט א געהיימער פאליטישער מיסיע, וועלכע זיי האבען אויסבאהאלטען פון מיר. איך האב, דעם אמת זאגענדיג, ניט זעהר געיאגט זיך צו דערגיין, וועגען וואס זיי זיינען געקומען.

כ'האב די ביידע געסט גענומען אונטער מיין השגחה, האב זיי איינגעארדענט אין א האטעל, באזארגט מיט אלעם גויטיגען און פלעג אפט ארומגיין מיט זיי איבערן שטאט, העלפען זיי איינקויפען וואס זיי האבען באדארפט. איבערהויפט, האבען זיי איינגעקויפט פיל רויטע קאראלען, פאר וועלכע זיי האבען געצאלט די העכסטע פרייזען. די קאראלען האבען זיי געדארפט אויך צוליב רעליגיעזע צוועקען.

בודא ראבדאנאוו האט אין אנוועזענהייט פון לאמא געהאלטען זיך שטרייננג און פארשלאסען. נאר ווען ער פלעגט פארבלייבען מיט מיר אליין, פלעגט ער פיל דערציילען און האט זיך ארויסגעוויזען ווי א רירעוודיגער, כיטרער און קלוגער אזיאט. פארקערט, דער לאמא איז געווען שטענדיג איינגעהאלטען, אפיציעל קאלט און גערעדט געציילטע ווערטער. ער איז פון קיין זאך ניט נתפעל געווארען, און אויף זיין פנים איז שטענדיג געווען א פארשטיינערטער אויסדרוק. ווען ער פלעגט זיצען ביי זיך אין צימער, די פיס אונטער זיך, און הערען וואס בודא ראבדאנאוו דערציילט אים מיט אן אונטערטעניגער בעאיילטקייט, איז ער געווען זעהר ענליך צו דער סטאטוע פון בודא.

צוליב דעם קומען פון לאמא, איז געווען איינגעארדענט אין „מוזיי גימע" א בודדיסטישער גאטעס-דינסט, ווי ער קומט פאר אין טיבעט. אין געדיינק שוין ניט, מחמת וועלכער סיבה איך האב ניט געהאט די מעגליכקייט צו זיין ביי דעם גאטעס-דינסט, נאר מען האט מיר וועגען אים דערציילט איניגע פרטים. צו דעם דינסט האבען זיך פארזאמעלט אין מוזיי עטליכע הונדערט בודדיסטען, איבערהויפט מענשען פון מורח-לענדער. נאר עס זיינען געווען אויך עטליכע צענדליג געבארענע פראנצויזען, וועלכע האלטען זיך פאר אנהיינגער פון בודדיזם. צווישען אנדערע, איז דארט געווען ווארוש קלעמאנסא או, אויב איך האב קיין טעות ניט, מיער לאטי. ארום דער סטאטוע פון בודא איז א גרויסער שטח געווען ארומגעצוימט מיט א שטריק, וואס האט זיך אויפגעהאלטען אויף סלופיקעס. די גלויבענדע זיינען געשטאנען אין דעם ארומגעצוימטען שטח און געהאלטען זיך פארן שטריק, דאס האט באצייכענט זייער אנגעהערינקייט צום בודדיזם. דעם לאמאס תפילה איז געווען באגלייט מיט געזאנג און מוזיק פון אן ארגעל און פויקען.

דער לאמא האט מיר מיטגעטיילט, אז ער איז איינגעלאדען צום פרינץ נאפאלעאן אויף מיטאג און געפרעגט אן עצה, צי האט פאר אן אנצוג גיין צו אים. איך האב געראטען גיין אין זיינע געווינליכע נאציאנאלע בגדים. נאך א גרויסען ישוב-הדעת איז ביי אים געבליבען, אז דער צערעמאניאל פאדערט,

ער זאָל זיין געקליידעט אייראָפּעאיש, און האָט מיך געבעטען, איך זאָל גיין מיט אים קויפֿען די געהעריגע בגדים. מיר זיינען זאָלבעדריט אוועק אין גרעסטען מאַגאַזין. איך האָב געהייסען געבען אַ שוואַרצע פּאָר נאָכן וואוקס פֿון לאַמאַ. ניט וואַרטענדיג, ביז מען וועט דערלאַנגען די בגדים, האָט דער לאַמאַ אַליין אָנגעהויבען אויסזוכען פֿאַר זיך אַ ראָק צווישען די הייננגענדע בגדים. ווען דער אָנגעשטעלטער האָט געבראַכט אַ שוואַרצען ראָק און הויזען, האָב איך מיטן וואונק צוגערופֿען דעם לאַמאַ צום טיש, דערלאַנגט אים די בגדים און פֿאַרבעלייגט אָנמעסטען. דער לאַמאַ האָט פֿריער ניט פֿאַרשטאַנען וואָס איך מיין. מיט אַמאָל האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם ראָק מיט די הויזען און האָט עס מיט כּעס אַ שליידער געטאָן אָן דער ערד און אויפֿגערעגט אויסגעשריען עטליכע פֿראַזען. איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס אים האָט אַזוי אויפֿגערעגט. נאָר דאָ איז צוגעלאָפֿען צום טיש בודאַ ראַבדאַנאָוו, האָט אָנגעהויבען באַרואיגען דעם לאַמאַ און מיט אַ פֿאַרשעמט רחמנות־פּנים גענומען פֿאַרענטפֿערען זיך פֿאַר מיר:

— דער לאַמאַ האָט זיך שטאַרק באַליידיגט, וואָס איר האָט אים פֿאַרבעלייגט אָנצוטאָן אַ שוואַרצען ראָק. אין טיבעט טראָגען שוואַרצע קליידער בלויז די גרעסטע פֿאַרברעכער... עס פֿאַרשטייט זיך, אַז איר זייט ניט שולדיג, איר האָט עס ניט געוואוסט. אָבער איר דאַרפֿט קיין פֿאַראיבעל ניט האָבען, וואָס דער לאַמאַ האָט זיך באַליידיגט.

דער לאַמאַ האָט זיך באַלד באַדיינקט, האָט זיך אַ ביסעל פֿאַרשעמט און אויך אָנגעהויבען פֿאַרענטפֿערען זיך.

איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, מער ניט געמישט זיך אין דעם אויסוואַל פֿון די בגדים. דער לאַמאַ האָט אַליין אויסגעזוכט עפּעס אַ ראָק און הויזען פֿון אַ שאָקאָלאַד־קאָליר.

אין דעם אָנצוג איז ער געגאַנגען צום פּרינץ נאַפּאָלעאָן אויף מיטאָג.

איך האָב אָפֿט שפּאַצירט מיט מיינע מזרח־לייט איבער פּאַריז, געווען מיט זיי אין איינינגע מוזייאומס, באַוויזען זיי דעם הערליכען טעמפּעל „נאָטר־דאַם“ און אַנדערע וואונדערבאַרע היסטאָרישע און גראַנדיעזע בנינים. דער לאַמאַ האָט רואיג באַטראַכט די אַלע בנינים און קיין איינמאָל ניט אַרויסגעוויזען אַ וועלכע עס איז איבעראַשונג אָדער פֿאַרוואונדערונג. וועגען אַלץ האָט ער פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט, רואיג אויסגעהערט מיין ענטפֿער, און זיין פּנים איז פֿאַרבליבען קאַלט און אומבאַוועגט, ווי שטענדיג. נאָר איין מאָל האָט זיך ביי אים אין די אויגען באַוויזען אַ פֿייערל און זיין געלע געזיכט האָט זיך פֿאַררויטעלט פֿון אויפֿרעגונג. געווען איז עס ביי אַזאַ צופֿאַל.

מיר האָבען שפּאַצירט איבער די גאַסען. מיט אַמאָל האָט דער לאַמאַ זיך אָפּגעשטעלט און עפּעס געפֿרעגט ביי בודאַ ראַבדאַנאָוון. געוויינליך, ווען דער לאַמאַ פֿלעגט דורך זיין באַגלייטער מיר שטעלען אַ וועלכע עס איז פֿראַגע, פֿלעגט בודאַ ראַבדאַנאָוו זיך אויף אַ ווילע אָפּשטעלען און מיט אַ פֿייערליכען טאָן ווענדען זיך צו מיר מיט די ווערטער:

— כאַמבאַ-לאַמאַ פרעגט! („כאַמבאַ“ האָט געמוזט באַטייטן אַ טיטול, ווי למשל ביי אונז „רבי“).

דאַסמאָל האָט ער זיך אויך אָפּגעשטעלט און מיט דעם געוויינליכען פייער-ליכן טאָן געפרעגט:

— כאַמבאַ-לאַמאַ פרעגט, וואָס טוט מען ביי אייך מיט גרויסע פאַרברעכער?

„ביי אייך“ האָט געזאָלט באַטייטן אין דער גאַנצער וועלט, חוץ טיבעט.

איך האָב גענומען ערקלערן דעם לאַמאַ, מיט וואָס עס ווערען באַשטראָפט אַלערליי פאַרברעכנס אין אייראָפּעאישע לענדער און געענדיגט דערמיט, אַז אין פראַנקרייך באַשטראָפט מען די גרעסטע פאַרברעכער, איבערהויפּט מערדער, דערמיט, וואָס מען האַקט זיי אָפּ דעם קאָפּ.

ווען בודאַ ראַבדאַנאָוו האָט איבערגעגעבן מיינע ווערטער דעם לאַמאַ, האָב איך באַמערקט, אַז יענער האָט זיך שטאַרק פאַרוואונדערט און האָט אויפ-גערעגט עטוואָס אויסגעשריען.

בודאַ ראַבדאַנאָוו האָט מיר איבערגעגעבן זיינע ווערטער:

כאַמבאַ-לאַמאַ וואונדערט זיך זעהר, וואָס ביי אייך פאַרגיסט מען מענשען-בלוט!

איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב זיך אַביסעל פאַרשעמט. די גאַנצע צייט האָב איך זיך געפילט אין מיינע באַציאונגען צום לאַמאַ, ווי אַ פאָרשטייער פון אַ העכערער קולטור. און דאָ, מיט אַמאָל, האָט ער מיר אוועקגעשטעלט אַזאַ פראַגע. דער האַלב-ווילדער אַזיאַט קען ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען פאַרגיסט מענשען-בלוט. איך האָב גענומען ערקלערן דעם לאַמאַ, אַז אין אייראָפּע קומט פאַר אַ גרויסע באַוועגונג קעגען טויט-שטראָף, אַז אין איינינגע לענדער איז די באַרבאַרישע שטראָף שוין אָפּגעשאַפט און מען קען האָפען, אַז אין גיכען וועט זי אָפּגעשאַפט זיין אויך אין פראַנקרייך. מיינע רייד האָבען אָבער אויף דעם לאַמאַ קיין איינדרוק ניט געמאַכט. און ער האָט ווידער, דורך בודאַ ראַבדאַנאָוון איבערגעחזרט זיין פראַזע:

— כאַמבאַ-לאַמאַ וואונדערט זיך זעהר, וואָס ביי אייך פאַרגיסט מען מענשליכע בלוט.

מיר איז איינגעפאַלען אַ פרעג טאָן ביים לאַמאַ:

— און וואָס טוט מען ביי אייך, אין טיבעט, מיט די גרעסטע פאַרברעכער? ווי באַשטראָפט מען זיי?

בודאַ ראַבדאַנאָוו האָט איבערגעגעבן מיין פראַגע. דער לאַמאַ האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט אַ שטאָלצען טאָן עטוואָס געענטפערט.

בודאַ ראַבדאַנאָוו, וועלכער האָט שטענדיג נאָכגעמאַכט דעם לאַמאַס באַוועגונגען, האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט אַ שטאָלצען טאָן אַרויסגעזאָגט:

— כאַמבאַ-לאַמאַ זאָגט: ביי אונז, אין טיבעט, פאַרגיסט מען ניט קיין מענשליכע בלוט! ביי אונז — דערשטיקט מען!

ש. אַנ-סקי.

# אנ—סקי׳ס לעצטע בריוו.

די בריוו (דריי בריוו: צו מ. שאליט, ח. לונסקי און ש. ל. ציטראן) האט אנ—סקי געשריבען עטליכע שעה פאר זיין טויט, — און מאנכע שורות פון זיי קלינגען אזוי מיסטעריעז:

— „איך בענק נאך ווילנע, ווי נאך א היים. דא—ניט אקלימאטיזירט זיך“.

— „מיין געזונד איז פיל בעסער, אבער קיין שמשון הגבור בין איך נאך ניט“...

„שיקט מיר דעם „ווייטער־בוך“, — זשיטלאווסקי׳ס ווערק“.

אין ביידע בריוו דערמאנט אנ—סקי באזונדערס אויפמערקזאם די גריינדונג פון דער היסטאריש־עטנאגראפישער געזעלשאפט אין פוילען,—זיין לעצטע שאפונג. זיין פארלאנג וועגען א באריכט וועגען דעם אין „לעבען“ איז ערפילט אין ד״ר שאבאדס ארטיקעל.

רירענד איז אויך אנ—סקיס זארג וועגען ווילנער יידישען מוזיי, פאר וועלכען ער שיקט אין לעצטען מאמענט דאקומענטען...

דאס ביכל, וועגען וועלכען ס׳רעדט זיך אין צווייטען בריוו, איז ח. לונסקיס „פון ווילנער געטא“. אנ—סקיס אויפמונטערונג פון מחבר און די אפשאצונג פון „געטא־ביכעל“ איז זעהר כאראקטעריסטיש פארן גאנצען וועזען פון גרויסען נפטר.

אין דריטען בריוו (דעם בריוו גיבען מיר ניט איבער צוליב זיין צו פערזענליכען אינהאלט) פאדערט אנ—סקי אויף ש. ל. ציטראנען ער זאל האס גיכער איבערזעצען „דעם חורבן פון פוילען און גאליציע“. אונטער דער ציפער III דרוקען מיר ש. ל. ציטראנ׳ס ערקלערונג וועגען דער דאזיגער איבערזעצונג און וועגען די העבראישע איבערזעצונגען פון אנ—סקיס ווערק בכלל.

רעד.

## I.

8/XI 1920

ליבער פריינד שאליט!

א דאנק פאר די ביכלעך און גרוס. איר בעט אפילו ניט, פונדעסטוועגען שיק איך אייך א מעשהלע פארן „לעבען“. („ביי אונז פארגיסט מען ניט קיין בלוט“.—רעד.).

איך האב צו אייך בקשות:

1) שיקט מיר, אדער בעט ביי רייזינען דאס טאן, 5 עקזעמפליארען „ווייטער־בוך“. לויט דעם האנאראר, וואס איך האב באקומען, האב איך רעכט אויף עטליכע עקזעמפליארען.

2) ביי י. ראזענבוימען זיינען פארבליבען איינינע מיינע זאכען. ראזענבוים איז אין קאוונע, נאר אסתר איז מסתמא אין ווילנע. בעט איך אייך נעמט ביי איר און שיקט מיר אפ (אדער בעט לונסקין דאס טאן) צוויי בענדער זשיטלאווסקיס ווערק און די קלענערע בילדער, וועלכע זיינען ביי זיי פארבליבען.

בעט ד״ר שאבאד אנשרייבען פארן „לעבען“ א באריכט וועגען דער גריינדונג פון א היסטאריש־עטנאגראפישער געזעלשאפט אין פוילען. ער איז געווען דעם 7־טען אויפן גריינדונגס־פארזאמלונג.

שרייבט, ווי לעבט איר. איך בענק נאך ווילנא, ווי נאך א היים. דא — ניט אקלימאטיזירט זיך.

זייט געזונט און מונטער.

אייער ש. אנ—סקי.

א הארציגען גרוס רייזין—ען, דן־ען און אנדערע קאלעגען פון ליטער. פאראיין.

## II.

יום ב׳ כ״ז תשון התרפ״א. ווארשא.

טייערער פריינד ח. לונסקי!

א דאנק פאר אייער ביכעל, ער איז זעהר אינטערעסאנט. איך וועל זען ניט אנדערש, אז דא אין די צייטונגען זאלען זיין וועגען אים רעצענזיעס. ועט מען זאל צושיקען אים אהער צו די מוכרי ספרים אויף פארקויפען. בארוהיגט זיך ניט אויף דעם ביכעל, שרייבט נאך. איר קענט שרייבען און דארפט שרייבען.

האט איר געשיקט דאס ביכעל ניגערן?

מיין געזונד איז פיל בעסער, אבער קיין שמשון הגבור בין איך נאך ניט. א הערצליכען גערוס אייער געזינד. שרייבט. איך ווינש אייך אלדאס גוטס.

אייער פריינד ש. אנ-סקי.

דעם 7-טען האט זיך דא געגרינדעט א „היסטאריש-עטנאגראפישע געזעלשאפט“. איך שיק אייך עטליכע פאפירלעך פארן מוזיי.

הנ״ל.

---

## III.

די לעצטע יארן האט אנ—סקי געהאט א שטארקען באגער, אז זיינע רוסישע און יידישע ווערק זאלען איבערגעזעצט ווערען אין העברעאיש. דעם ערשטען, און זעהר געלונגענעם, פרוב האט אנ—סקי געמאכט מיט זיין „דבוק“, וועלכער איז ערשינען אינם ערשטען באנד פון דעם העברעאישען זאמעלבוך „התקופה“ אין ביאליקס איבערזעצונג. דאן האט אנ—סקי פארקויפט דעם באוואוסטען שטיבעלס פארלאג דעם זכות פון דער העברעאישער איבערזעצונג פון זיין פירבענדיגען ספר „דער יידישער חורבן אין גאליציע“. פון אנפאנג, דאס איז געווען סוף 1917, איז באשלאסען געווארען איבערצוגעבען די איבערזעצונג דעם באקאנטען אדעסער שריפטשטעלער י. ח. ראווניצקי, וועלכער האט שוין אויך איבערגעזעצט דעם ערשטען טייל. צוליב די אלגעמיין-באוואוסטע פאליטישע געשעהענישען איז שטיבעלס פארלאג אפגעריסען געווארען פון אדעס, און דעריבער איז גאנץ אוממעגליך געווארען צו באקומען פון ראווניצקין דעם כתב-יד פון זיין העברעאישער איבערזעצונג און אויך צו איבערגעבען אים די איבערזעצונג פון די לעצטע דריי בענדער. טרעפענדיג זיך סעפטעמבער 1918 מיט אנ—סקין אין ווילנע, האט ער מיר פארגעלייגט, אז איך זאל אויף זיך נעמען די איבערזעצונג פון „חורבן-גאליציע“, אנהויבענדיג פון דאס ניי פונם ערשטען טייל. דאן האב איך מיך וועגען דעם אויסגעשריבען מיט פרישמאנען, דעם רעדאקטאר פון שטיבעלס אויסגאבען, און כ׳בין צוגעטראטען צו דער ארבעט. אנ—סקי איז שוין דאמאלס געווען אין ווארשע, און פון דאמאן פלעגט ער מיר דורך געלעגענהייטען צושיקען זיין כתב-יד צו עטליכע דרוק-בויגען פאר אמאל. א טאג פאר זיין טויט האט אנ—סקי צוגעשיקט ד״ר שאפדן פאר מיר דעם אריגינאל פון דעם ערשטען באנד און פון דעם סוף פערטען.

דערבו וויל איך נאך באמערקן, אז לויט א מונדליכען אפמאך מיט אנ—סקי דארף די העברעאישע איבערזעצונג אויך פון זיינע איבעריגע ווערק, אויב ס׳וועט זיך געפינען אויף דעם א פארלעגער, איבערגעגעבען ווערען אויסשליסליך מיר. עטליכע קלענערע אנ—סקיס זאכען האב איך שוין פון אים באקומען צו איבערזעצען פאר פארשיידענע העברעאישע זשורנאלן. איין זאך, „דער טורים פון רוים“, איז שוין מיט מיין איבערזעצונג געווען אפגעדרוקט אין לאנדאנער „העולם“. אנדערע זאכען פארן „העולם“, וועלכע אנ—סקי האט מיר ניט לאנג צוגעשיקט, האב איך נאך ניט באוויזען צו איבערזעצען.

# ש. אנ—סקי.

(שטריכען און ערינערונגען).

גרויס איז די אבדה פון ש. אנ—סקיס טויט פאר די יידישע ליטעראטור, יידישע עטנאָגראפיע און יידישען פאָלק. פּילזייטיג איז געוועז זיין טעטיגקייט, אינטענסיוו און אָן אָפּרו איז געווען זיין ארבעט ביזן סאמע סוף פון זיין לעבען. ער איז געשטאָרבען בוכשטעבליך מיטן פען אין האַנט און מיט אויפלעבענדיגע ווערטער אין מויל. ניט איין הספד וועט געמאַכט ווערן אויף אנ—סקיס קבר, ניט איין זייטל וועט געדרוקט ווערען צו דער אָפּשאַצונג פון אנ—סקין, אלס ליטעראט און עטנאָגראף; פיל דארף געשריבען ווערען וועגען אנ—סקיס לעבען און באַדייטונג פאר די יידישע וויסנשאַפט און קונסט.

אויב אפילו אין דער רייכער רוסישער ליטעראטור, אויב אין די ברייטע רעוואָלוציאָנערע קרייזען פון דער אמאָליגער גרויסער רוסלאנד, האָט אנ—סקי פאַרנומען ניט קיין קליינעם אָרט, איז זיין השפעה אין אונזער אָרימער יידישער ליטעראטור און פינסטערען יידישען לעבען זעהר גרויס און באַדייטענד, און אויב אנ—סקי האָט פיל אויפגעטאָן פאר די יידישע קונסט מיט זיין טאַלענט און פאר די יידישע עטנאָגראפיע מיט זיין התמדה, איז אפשר נאָך גרעסער געווען זיין ווירקונג אין יידישען לעבען גופא דורך זיין כאַראקטער און דורך זיין ליבהאַרציגקייט, אלס מענש.

ריכטיגער וועט אפשר זיין צו זאָגען, אז זיין טאַלענט און זיין התמדה זיינען געווען תמיד דורכגעדרונגען מיט זיין הייכער עטישער נאַטור, מיט זיין ליבהארציגקייט, מיט זיין ליבע צום פאָלק און צו דער מענשהייט בכלל און צום יידישען פאָלק בפרט. איך האַלט, אז זיינע עטנאָגראפישע אונטערזוכונגען, זיינע באשרייבונגען פון גאַליציע, זיינע צענדליגע יידישע מעשהלאך און לעגענדעס און צום סוף זיין טאַלענטפולער און באַגייסטערטער „דיבוק" וואָלטען ניט גע־קאָנט ווערען געשריבען אָן דעם נר־תמיד, וואָס האָט שטענדיג געברענט אין זיין הארצען און געלויכטען מיט ליבע פון זיינע אויגען.

אָט צוליב דעם נר־תמיד איז אנ—סקי געווען אזוי אינטערעסאַנט און אזוי ליב פאר אלעמען. אָן אמתער נע־ונד, האָט אנ—סקי געוואַנדערט פון איין לאַנד אין דאָס אנדערע, פון קאַנט צו קאַנט און פון שטאָדט צו שטאָדט. אָן א פאַמיליע, אָן שום קרובים, האָט ער אומעטום זיך איינגעלעבט. אומעטום זיך געפונען, ריכטיגער, ערווארבען גוטע פריינד, וועלכע האָבען אים ליב געהאַט, ווי אָן אייגענעם, ווייל אויף אלעמען האָט ער פארשפרייט זיין ליבע און דעם צו־ציאונגס־כח פון זיין איידעלער, יוגענדליכער נאַטור. ביז גרויע האָר איז אנ—סקי געבליבען גייסטיש יונג און קינדיש ריין.

מיר איז אויסגעקומען זיך צו טרעפען מיט אנ—סקין סוף 1915 יאָר־אפריער אין מאָסקווע און נאָכדעם אין גאַליציע אין טאַרנאָוו. מיר איז שוין דאַמאָלסט געווען אויפפאַלנד, ווי גיך אנ—סקי פלעגט זיך אָריענטירען אין די־

ביים פארהעלטענישען און באקומען א צוטריט צו אזעלכע מענשען, הן אין די העכערע מיליטערישע רוסישע ספערען, הן אין די טיפסטע יידישע שיכטען פון גאליציע, וואס ביי דער דאמאלסדיגער מיליטערישער לאגע און אנטיסעמיטישער כוואליע וואלט פאר א געוויינליכען בשר-ודם פשוט געווען אוממעגליך און געפערליך. דאס איז אלץ געלונגען אנ—סקין (כדי צו האבען די מעגליכקייט אריינצודרינגען אין גאליציע, האט ער אנגעטאן מיליטערישע קליידער) אדאנק זיין קינסטלערישע בטיה אלס עטנאגראף, אבער דערהויפט צוליב זיין כח צוצוציען צו זיך און פאראינטערעסירען מענשען פון אלערליי סאציאלע לאגעס.

זעענדיג, מיט וואס פאר א חשד ס'באציען זיך צו יידישע סאלדאטען די רוסישע מיליטער-לייט פון איין זייט, און די פאריאגטע, אנגעשראקענע גאליצישע יידען צו יעדער פערזאן, וואס טראגט א רוסישע מיליטערישע אוניפארם—פון דער אנדער זייט, האב איך זיך קיין מאל ניט געקענט פארשטעלען, אז אנ—סקי וועט ברייגבען פון גאליציע אזוי פיל ווערטפולע וויסנשאפטליכע מאטעריאלען.

דעם אנדערן מאל האב איך זיך באגעגענט מיט אנ—סקין גאר ביי גאנץ אנדערע פארהעלטענישען, אדער ריכטיגער געזאגט — ביי ענליכע פארהעלטנישען ווי אין גאליציע, אבער אומגעקערט אויף דער אנדער זייט. דאס איז געווען אין סעפטעמבער 1918, בעת אין ווילנע זיינען נאך געווען די דייטשען. אנ—סקי, אלס א רעכטער ס.-ר. און א מיטגליד פון דער רוסישער גרינדונגס-פארזאמלונג, איז געווען א גרויסער שונא פון באלשעוויזם און געלאפען פון רוסלאנד אין ווילנע, וואו קיינער קען אים ניט, און וואו ער וועט קענען רואיג ארבעטען. און אין געלאף האט ער געלאזען אין מאסקווע זיינע אלע מאנוסקריפטען (ביז 10 בענדער) פון גאליציע און אין פעטערבורג זיין ווערטפולען און קאסטבארען מוזיי, וועלכען ער האט געזאמעלט אין דרום-רוסלאנד פאר די עטנאגראפישע געזעלשאפט.

אנ—סקי איז אריינגעפארען צו מיר און האט זיך געקושט ווי מיט אן אלטען גוטען פריינד, הגם מיר זיינען ביז אהער אייגענטליך ווייניג געווען באקאנט. אבער דאס איז שוין געווען די טבע פון אנ—סקין: ער האט הונדערטער מענשען ליב געהאט ווי ברידער, און האט דערוואַרט פון זיי דעם זעלבען מיטגעפיל. איך מוז אבער זאגען, אז ער האט זיך זעלטען טועה געווען.

אנ—סקי מיט זיין דעליקאטען כאראקטער האט חלילה קיינעם ניט געוואלט באלעסטיגען. ער איז געקומען א צובראכענער און א קראנקער, און איך האב אים א קורצע צייט איינגעאָרדענט אין א צימער אין דער קליניק פון משרת-חולים, וואו ער האט פון ערשטען טאג אן גלייך צוגעצויגען צו זיך די ליבשאפט פון גאנצען פערסאנאל, פון די דאקטוירים ביז די באדינערס. דערנאך האט ער זיך אליין אויסגעזוכט א צימער ביים גריכען בריק, געקויפט אלטע יידישע ספרים און אנגעהויבען צו ארבעטען: שרייבען, לייענען, האלטען רעפעראטען און לעקציעס — מיט זעהר א גרויסען ערפאלג — און איז געווארען פארזאמלונגען מיט צענדליגער פריינד און פארערער. דעמאלסט איז ארויך [illegible]

גערינדערט געווארן די ווילנער היסטאריש-עטנאגראפישע געזעלשאפט, — איינע פון זיינע ליבלינג ס-קינדער.

אין מערץ, דוכט זיך, האט אנ—סקי געדונגען א צימער ביי מיר אויף די טרעפ ביי פרוי ד״ר ראבמילעוויטש, און אונז איז אויסגעקומען צוזאמען איבער-צולעבען דעם סוף פון דער באלשעוויסטישער ממשלה און די שרעקליכע אפריל-טעג פון 1919.

אנהויב אפריל האבען די באלשעוויקעס אנטדעקט א גאנצע חברה, וועלכע האט געמאכט און פארשפרייט פאלשע קערענקעס. 12 יידען זיינען פארמשפט געווארען דורכן רעוואלוציאנערען טריבונאל צו טויטשטראף, וועלכע האט געזאלט דורכגעפירט ווערען ניט שפעטער ווי אין 48 שעה ארום. צווישען די פארמשפטע זיינען געווען דאס רוב פאטערס פון פאמיליעס, וועלכע האבען אין דער גאנצער צייט פון די אקופאציעס געלעבט אין גרויס דחקות און גע-גאנגען אויף דאס פארברעכען אויס גרויס נויט.

אנ—סקיס געוויסען און ווייך הארץ האבען ניט געקענט דערלאזען, אז מען זאל שיסען מענשען פאר אזא קרימינעלען פארברעכען, פאר וועלכען אין אלע קולטורעלע לענדער קומט געווייגליך צוכטהויז, בפרט נאך אלע אנטיילנעמער „אגולאם״, ניט אינדיווידואליזירענדיג, ניט נעמענדיג אין אכט די פארשיידענע סיבות, וועלכע לינדערען די שולד.

אויפגערעגט איז ער געקומען צו מיר צוזאמען מיט ל. יפהן און מיר פארגעלייגט צו גיין מיט אים זיך משתדל זיין ביי דער באלשעוויסטישער מאכט פאר די אומגליקליכע. וויסענדיג אנ—סקיס נעגאטיווע באציאונג צו די באלשע-וויקעס, האב איך זיך זעהר געוואונדערט אויף זיין פארשלאג. איך האב אבער גערן מסכים געווען, ניט האפענדיק פיל פון אונזער מיסיע. ס׳איז נאך געבליבען אן ערך 18 שעה אויף דורכצופירען דעם פסק.

אפריער זיינען מיר געגאנגען צו בארנאנאווסקין (א. וויינשטיין), וועלכער האט גענומען אן אנטייל אין טריבונאלען געריכט, אלס פראקורער. ער איז מסכים געווען מיט אלע מאטיווען, וועלכע אנ—סקי האט געבראכט, און האט אנגעוויזען, אז ער אין זיין באשולדיגונגס-רעדע האט אויך ארויסגעזאגט א מיינונג, אז די, וואס האבען אנגעפירט מיט דער ריין-טעכנישער (קינסטלערישער) ארבעט, דארפען ווייניקער באשטראפט ווערען, ווי די איניציאטארען פון דעם דאזיגען קרימינעלען פארברעכען; אבער ער, בארנאנאווסקי, קען אין דעם קיין זאך ניט טאן און האט ניט קעגען, אז מיר זאלען זיך ווענדען צום באטשאמטער יאפע, וועלכער איז דאן געווען אין ווילנע, און צו מיצקעוויטש-קאפסוקאס, דעם פרעזידענט פון דער דאמאלס-דיקער „ליטווישער״ רעגירונג.

יאפען האבען מיר ניט געטראפען, און זיין סעקרעטארין, פר. הירשפעלד, צו וועלכער ל. יפה, אלס אירער א באקאנטער, איז אליין געגאנגען, האט אים געענטפערט, אז, נאך איר יושר, קומט די דאזיגע מענשען ניט נאר איין מאל, נאר צוויי מאל שיסען.

זיינען מיר זאלבענאנד מיט אנ—סקין אוועק צו מיצקעוויטש־קאפסוקאס, וועלכער האט געוואוינט אין זעלבען האטעל בריסטאל, וואו יאפע, אין נומ. 1.

ער האט אונז פריינדליך צוגענומען. ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז אנ—סקין געדיינקט ער נאך פון אמאל, פון בערן און שווייץ. מיר זיינען אלע געזעסען. מיצקעוויטש האט מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו אנ—סקיס באגייסטערטע רייד, וועלכער האט, באנוצענדיג זיך מיט ריין יורידישע פלפולים, אדער מיט מאראלישע, פסיכאלאגישע און פאליטישע מאטיווען, קלאר אויפגעוויזען, אז ביי די אומגליקליכע טאר ניט אפגענומען ווערען דאס לעבען. ס'האט זיך אויסגעדוכט, אז דער באשולדיגטער איז געווען מיצקעוויטש־קאפסוקאס, און אנ—סקי דער שטראפענדער נביא. איך האב געזען ווי דער, אין וועמענס האנט איז געווען טויט און לעבען פון די 12 פאמיליעס, האט זיך ניט ווילענדיג אונטערגעגעבען דעם צוציאונגס־כוח פון אנ—סקיס פערזענליכקייט.

מיצקעוויטש־קאפסוקאס האט זיך פארענטפערט, אז די זאך איז אים איינגאנצען אומבאקאנט, ער האט צוגעזאגט איר דורכצוקוקען און דערווייל דעם פסק אפהאלטען.

מיר האבען זיך דערנאך דערוואוסט, אז צוויי זיינען דערשאסען געווארען און די איבעריגע געבליבען אין תפיסה.

אין א חדשים צוויי ארום זיינען די אלע צען מענשען באפרייט געווארען דורך די פאליאקען, אלס פאליטישע פארברעכער.*)

אין מיטן אפריל האבן זיך די סימפטאמען פון הארצליידען ביי אנ—סקין זעהר פארשטארקט און געלאזען אזעלכע פארענדערונגען אין מוסקל און אין די נערוועןקניפלעך פון הארצען, וועלכע האבען אין 1½ יאר ארום דערפירט צום טראגישען סוף.

אבער ניט קוקענדיג אויף זיין קראנקהייט, האט אנ—סקי אין די אפריל־טעג דורכגעמאכט מיט אונז אלעמען די געפארען פון קוילען און הויז־אונטערזוכונגען, גענומען אן הייסען אנטייל אין גורל פון די ארעסטירטע ליטעראטען יפה און ביגער**)‚ איז אליין געגאנגען צו יאן פילסודסקין און באקומען פון אים א קארטעל, אין וועלכער ער בעט, מען זאל זיי וואס גיכער באפרייען.

גאנצע חדשים פלעגען מיר פארברייגגען צוזאמען מיט אנ—סקין, און ס'איז מערקווירדיק געווען, ווי דער מענש האט זיך איינגעלעבט אין ווילנע, אט דער איינזאמער, אן קרובים און אן א פאמיליע. ס'איז ניט געווען קיין איין געזעלשאפטליכע ארבעט, אין וועלכער אנ—סקי זאל ניט נעמען אן אנטייל: אין געגענט־קאמיטעט „יעקאפא", אין ארגאניזיר־קאמיטעט צו די וואלען אין דער קהילה, ליטעראטען־פאראיין, ניט רייגדענדיג שוין פון דער היסטאריש־עטנאגראפישער געזעלשאפט, פון די ביידע נייע צייטונגען: „טאג" און „יידישע צייטונג".

*) דער עפיזאד איז באשריבען פון אנ—סקין אליין אין לאנדאגער „העולם", חיי־גער.

**) דער „אינצידענט" איז שוין באשריבען פון אנדערע. רעד.

אין א קורצע צייט איז אנ—סקי געווארען ביי די ווילנער יידען די פאפולערסטע פערזאָן אין שטאָט און דער באַליבסטער מענש. אלע פלעגען קומען צו אים מיט טענות, מיט שאלות און איך קען מיט א געוויסהייט מיט אים צושטימען, אז ווען אנ—סקי וואָלט ניט אַפּגעפאָרען פון ווילנע, וואָלטען ניט פאָרגעקומען אזעלכע אומאנגענעמע מחלוקות, ווי דאָס איז געווען שפעטער.

ניט קוקענדיג אויף זיין קראנקהייט, האָט אנ-סקי פלייסיג געשריבען און אין די „פרייע" שעהן, וועלכע מען פלעגט ביי אים אומברחמנותדיק אַפּנעמען, פּרעדיקען ביי זיך אין צימער און וועקען דאָס געזעלשאפטליכע געוויסען. קיין גרויס באַפרידיגונג פלעגט ער דערפון ניט האָבען, ער פלעגט קוקען אויף דעם, ווי אויף זיין פליכט, ווי אויף א געזעלשאַפטליכען חוב. נאָר וועגען איין מאָמענט האָט ער מיר דערציילט מיט באַפרידיגונג. דאָס איז געווען, ווען ער איז געגאַנגען אויפן גאַס און האָט געהערט ווי יידישע קינדער האָבען, אויפווייזענדיק אויף אים, געזאָגט איינער צום אנדערן: „דאָס איז אנסקי!" די אַנערקענונג פון די קינדער האָט גערירט זיין ווייך קינדיש הארץ!

אנ—סקיס געזונטצושטאַנד האָט זיך אלץ פארערגערט, די געשעענישען אין ווילנע האָבען אויף אים שטאַרק געווירקט. ער איז שוין קוים געווען אימשטאַנד צו אַרבעטען, און איז אריבערגעפאָרען אין וואַרשע מיט נייע האָפנונגען, מיט ברייטע פּלענער. אנ—סקי האָט פאַרלאָזען ווילנע, וועלכע איז אים געוואָרן נאָענט, ווי א געבורטשטאָט און וועלכע ער האָט געליבט ווי א פאָטער.

אין פעברואר 1920 האָב איך געזען אנ—סקין אין וואַרשע, אין דער רעדאקציע פון „מאָמענט", וואו ער איז געוואָרען אַן אייגענער מענש און איינער פון די ווערט-פולסטע מיטאַרבעטער.

אין זיין אַל-ליבע צו מענשען איז אנ—סקי דאָך געווען א גוטער מענשען-קענער, און האָט גוט פאַרשטאַנען ווי אַפּצושאַצען יעדערן פון רעדאקציע.

אין אַפּאָר טעג אַרום האָב איך באַזוכט דעם דיכטער אין זיין פּאַנסיאָן אין אָטוואָצק. ס'איז געווען א שיינער פרילינגס-זונענטאָג, און אנ—סקי, מיט זיין ליבהארציקער גאַסטפריינדשאַפט האָט אויסגעזען, ווי אן אַלטער ריטער אין זיין וואַלד-פּאַלאַץ. מיט התלהבות האָט ער מיר דערציילט וועגען זיינע אַרבעטען און פלענער, געוויזען זיינע נייע קאָלעקציעס פון רוסלענדישע אסיגנאַציעס און גע-שאָטען מיט ליבהארציקע מעשיות און זכרונות. ס'האָט זיך פּשוט ניט געוואָלט אַוועקפאָרען פון דעם וואַרימען אינטערעסאַנטען מענשען, וועלכער האָט פאַרמאָגט צו לאָזען אין יעדערען פון די באַזוכער א טייל פון זיין ליבשאַפט.

אין מיין לעצטער נסיעה (נאָוועמבער 1920) האָב איך באַזוכט אנ—סקין אין א פּאָר טעג אַרום נאָך זיין קומען אין וואַרשע. ער האָט שוין געקלונגען צו מיר און מיר אויפגעוואָרפען, וואָס איך קום ניט צו אים.

אנ—סקי האָט אין אָטוואָצק זומער דורכגעמאַכט א שווערע לונגענאַנצינדונג און איז קוים נצול געוואָרען. אין הארבסט איז ער אריבערגעפאָרען אין וואַרשע און האָט פאַרנומען א צימער אין ד"ר הורוויטש'ס קליניק אויף זשאַביע 3. איך

האב איך געפונען זעהר בלאס, מאגער און אפגעקריינקט; אין צימער זיינען געווען פארגאנדערגעווארפען זאכן, עסנווארג, ביכער און העפטען. ביי א פראסטען טישעל ביים בעט איז ער געזעסען און געשריבען ביום ובלילה.

מיט זיין געוואוינליכער ליבשאפט און פריינטשאפט האט מיר אנ—סקי באגעגענט און זיך נאכגעפרעגט וועגען ווילנע און צענדליקער באקאנטע. ער האט זיך ווייניק באקלאגט, געווען צופרידען מיט זיין צימער, זיך אפט געווארימט ביים אויוון, געזאגט, אז מאטעריעל איז ער פארזיכערט. נאכדעם, ווי ער האט פארקויפט איייניקע פון זיינע ווערק, דערציילט, אז זיינע כתבים וועגען גאליציע ווערען איבערגעזעצט אויף העברעאיש דורך ציטראנען אין ווילנע פאר שטיבלעס פערלאג, מיט דעם תנאי, אז זיי מוזען ערשיינען גלייכצייטיק אויף יידיש און העברעאיש, ער איז נאר געווען אויפגערעגט, וואס די העברעאישע איבערזעצונג ווערט אזוי פארצויגען; ער האט מורא, אז, דאס ווערק וועט פארלירען זיין ווערט.

טראגיש איז געווען, אז דער אריגינאלער מאנוסקריפט איז אייגענטליך געבליבען ערגעץ-וואו באגראבען אין מאסקווע, און אנ—סקי מוז ערשט שרייבען די לעצטע טיילען נאך אמאל, נאכן זכרון און לויט זיינע קליינע נאטיצען.

מיט פרייד האט מיר אנ—סקי דערציילט, אז זיין „דבוק" וועט געשפילט ווערען אין אמעריקע און אפשר אויך אין ווארשע דורך די ווילנער טרופע.

אויף מארגען דאנערשטאג האלב פיר ביי טאג האט מיר אנ—סקי באזוכט אויף כמיעלנא 34 און איז אפגעזעסען ביי מיר מער ווי א שעה. ער האט מיר איבערגעגעבען איייניגע אויפטראגען אין ווילנע און מיט ווייטאג גערעדט וועגען די נייע שחיטות אויף יידען מצד באלאכאוויטשעס באנדיטען. ס'האט מיר זעהר פארדראסען, וואס איך האב געלאזען אנ—סקין זיך מטריח זיין צו מיר אזוי ווייט. ער האט אויסגעזען שרעקליך; דאס געזיכט גרוי—בלאס, און איז געווען אנגעטאן אין אן אלטען מאנטעל, הגם ס'איז געווען 7 גראד פראסט. איך האב באגלייט אנ—סקין ביז א דראשקע און מיט פחד געקלערט וועגען דעם, ווי וועט דאס פארן ווירקן אויף זיין געזונט.

זונטאג, דעם 7 נאוועמבער, 2 ביי טאג, האב איך ווידער באזוכט אנ—סקין לויטן אפמאך צוזאמען מיט זיין שטענדיקען דאקטאר און ליטעראט גרשון לעווין. ער איז געווען פריילעך און מונטער, האט אונז מכבד געווען און זיך גע- לאזט אונטערזוכען.

ער איז געווען מאגער און בלאס, האט זיך געקלאגט אויף א יוקן אין דער הויט. די פיס זיינען ניט געווען געשוואלן ווי פריער. די פארדייאונג איז געווען נארמאל, טעמפעראטור נארמאל, דער פולס איז געווען נארמאל 72, רעגעלמעסיק, אבער ווייך און שוואך; דאס הארץ גיט קיין פארגרעסערט, די מאגען ריין, שוואך, ניט אזוי אקצענטואירט, ווי פריער אין ווילנע. באשיימפערליך, האט זיך דער קראנקהאפטליכער פראצעס ניט אזוי אויסגעדריקט אין סקלעראז פון די אלבעמינע געפעסען, ווי בלויז פון דער קרייז-ארטעריע און קריפטאזאכליך אין טיפע פארענדערונגען פון דעם הארץ-מוסקל גופא און זייער געוויינליכע. די הויפט-תהעמות פון קראנקען זיינען געווען

4-16-70
4702

אָפטע ווייטאָגן אין ברוסט, וועלכע פלעגן פאָריטערגיין נאָכבעם — ווי ער פלעגט צולייגן וואַרימע צום האַרצען. די לעצטע צייט זיינען די ווייטאָגן געוואָרען אַ סך זעלטענער. אָבער וואַרימע האָט ער, יתדהעלטען.

אין די לונגען איז נאָך געווען צו דערקענען רעשטלעך פון דער אויסגעהיילטער לונגען-אָנצינדונג — און אַ לייכטער בראָנכיט פון רייכערן.

די השתנה איז געווען נאָרמאַל, און דער צוקער, וועלכער פלעגט צייטנווייז דערגיין ביז 6 פּראָצענט, איז פאַרשוואונדען.

ווי דאָקטוירים, און דערצו נאָך אַלס פריינט און פאַרערער, האָבען מיר דעם קראַנקען באַרואיקט, געראָטן זיך ניט אָנצושטריינגען, זוכען פרישע לופט און זיין פאָרזיכטיק מיט דער דיעטע. ווי ס'האָט זיך געוואָלט, אַזוי האָט זיך אויך געגלויבט; און ס'האָט זיך פשוט ניט געוואָלט צולאָזען דעם געדאַנק, אַז אָביעקטיוו גענומען, זיינען דעם פאַציענטס טעג, אפילו שעה'ן, געציילט: ער איז דאָך נאָך געווען אַזוי לעבנסדורשטיק, אַזוי פרישדיינקענדיק, אַזוי אינטערעסאַנט!

אַנ—סקי גופא האָט אונז ניט געלאָזט זיך אָפּשטעלען לייגנער אויף מעדיצינישע רעיונות, זיך באַצויגן מיט אַ קינדליכן צוטרוי צו אונזערע באַרואיגענדע פראַזן און איז גלייך אַריבער צו אַ געשפּרעך מכח דער זיצונג פון דער איניציאַטיווער גרופּע וועגן גרינדען אין וואַרשע אַ יידישע היסטאָריש-עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט פאַר פּוילען, וועלכע האָט געדאַרפט פאָרקומען דעמזעלבען זונטאָג אינאָוונט ביים ד"ר ג. לעווין אין וואוינונג. די דאָזיגע פראַגע האָט, ווייזט אויס, דאָמאָלסט פאַרנומען דעם גאַנצען מוח אַנ—סקיס און אַלע זיינע רעיונות. ער האָט געקאָכט, בעת ער האָט וועגען דעם גערעדט, האָט געזען ס'זאָלן פאַרבעטען ווערען די פאַסנדסטע מענשען און האָט מיר אַזוי האַרצליך געבעטען, אַז איך זאָל אויך קומען אויף די זיצונג און דערמאָנען וועגען דער ווילנער היסטאָרישע-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, אַזוי ווי איך וואָלט מיט דעם אים פערזענליך טאָן די גרעסטע טובה.

9 אינאָוועגט האָט אַנ—סקי געעפענט די זיצונג. ס'זיינען געווען די פאָרשטייער פון יידישען אַמעריקאַנער קאָמיטעט (J.D.C.) ה. קאָוואַלסקי און ד"ר לעוו, דער וואַרשעווער פּרעדיקער ד"ר פאָזנאַנסקי, דער רעדאַקטאָר פון „הייגט" פינקעלשטיין, דער רעדאַקטאָר פון יידישען „נאַש קוריער" אַפפעלשלאַק, דער פּאָעט א. קאַציזנאַ, דער אַרטיסט מאַרעווסקי, דער פאָלקסזינגער קיפּניס, דער ליטעראַט ראָזענפעלד, די מוכרי ספרים לעווין-עפּשטיין, פריד, ד"ר גרשון לעווין, מאיר, גראָנדזשענסקי און נאָך אייניקע הערן, וועלכע איך האָב ניט געקענט. ס'האָבן נאָך געדאַרפט קומען נח פּרילוצקי, דער סיים-דעפּוטאַט שיפּער, דער היסטאָריקער פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן, פּרוי לעווענטאַל און נאָך אַנדערע.

אַנ—סקי איז געווען אַביסעל אויסגעפּוצט, אין אַ ווייסן קראַגן, האָט זיך מיט יעדען, וואָס איז געקומען, געפרייט און געווען פייערליך אויפגערעגט. ער האָט עפּעס וויכטיקעס געהאַט פון דער דאָזיקער זיצונג און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אירע רעזולטאַטען.

קודם-כל האָט ער דערמאָנט דעם אָקאָרשט געשטאָרבענעם אין מאָסקווע איסטאָריקער פּסח מאַרעק און פאָרגעלייגט לכבוד זיין זכרון אויפצושטיין.*)

דערנאָך איז ער צוגעטראָטען צו זיין שיינעם פאָרטראָג וועגען דער וויכטיגקייט פון קלייבען היסטאָריש-עטנאָגראַפישע מאַטעריאַלען פון יידישען לעבען, פון יידישען פאָלקלאָר. דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעהויבען צו שאַפען זיין פאָלקלאָר פריער, ווי אַלע איצטיקע אומות, נאָך מיט 4000 יאָר צוריק, בעת ס'איז נאָך קיין אלף-בית ניט געווען, די ביבעל איז די שענסטע און גרעסטע שאַפונג פון יידישען פאָלקלאָר.

אנ—סקי איז אריבער צו דער שילדערונג, ווי ס'ווערען פארפאַלען דורך דער מלחמה טויזענטער אוצרות פון דער יידישער שאַפונג, יידישער געשיכטע און יידישער קונסט אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלאַך אין אוקראַאינע, פּוילן, ליטע און גאַליציע אין פאָרם פון מעשיות, לעגענדעס אָדער אָרנאַמענטען אין די אַלטע שולען און בתי-מדרשים, אויך די אַלמעמארס, אָרון-קודשן, עטרות פון די ספרי-תורות, הדסים א. א. וו. דאָס אַלץ מוז געזאַמעלט ווערען, וואָס מען קען נאָר פאַרכאַפּען, ווייל אין דעם ליגט דער אַלטער גייסט פון יידישען פאָלק, וואָס בייט זיך מיט יעדער עפּאָכע.

אנ—סקי האָט אויפגעוויזען מיט ביישפּילען, ווי אַמאָל א מעשהלע, וואָס דאַרף פאַרשריבען ווערען, א ליד, א ניגון, וואָס דאַרף פאַרפעסטיגט ווערען דורכן גראַמאַפאָן, א קינדער-ליד, אַלטע נעמען פון גאַסען, גיבען א שטיק געשיכטע, וואָס קענען אויפקלערען א סך היסטאָרישע געשעענישען. און נאָך און נאָך האָט אנ—סקי גערעדט מיט באַגייסטערונג, אין א זאַפטיקער יידישער שפּראַך, מיט א טיפער איבערצייגונג און—דערהויפּט מיט א טיפער ליבע צום יידישען פאָלק, צו אַלע שאַטירונגען פון זיין פאָלקס-גייסט.

באמת זאָגענדיק, אפילו פון דעם, וואָס אנ—סקי האָט געזאָגט, האָב איך שוין פון אים געוואוסט, אָבער זיס איז געווען צו זיצען און הערען זיין באַגייסטערטע שטימע און צו קוקען אויף זיין נשמהדיקע געזיכט. ניט ווילנדיק האָב איך זיך געפרעגט: צו איז דאָס דערזועלבער חולה, וועלכען מיר האָבען היינט אונטערזוכט און וועמענס לעבען עס שטייט אזוי אויף משקולת.

אנ—סקי האָט געענדיקט און האָט געקוקט אויף מיר, אַזוי ווי בעטענדיג אונטערשטיצונג. איך האָב באַגריסט די נייע וויכטיגע קולטורעלע אונטערנעמונג און אויפגעוויזען אויף דאָס גליק, וואָס ביי דער געבורט פון דער נייער געזעלשאַפט איז זיך מתעסק דערזועלבער בארימטער אקושער, וועמען אויך די ווילנער היסטאָריש-עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט איז מחויב מיט איר געבורט.

ס'האָבען זיך אָנגעהויבען דעבאַטען, וועלכע איך וויל דאָ ניט איבערחזרן.

---

*) איך בין געבליבען שולדיק אנ—סקין אין דער פרט. ער האָט מיר מיט א פּאָר טעג צוריק געבעטן אויפשרייבן פאַרן פריטאָגדיקן נומער פון „מאָמענט" עראינערונגען וועגען מאַרעקן, מיט וועלכען איך בין לאַנג געווען באַפריינדעט אין מאָסקווע אין די 80-ער יאָרן. איך האָב אָבער דאָס ניט באַוויזן.

ס'האָט זיך נאָר געפילט, אַז ווען ניט אַנ—סקי, וואָלט פון דער זאַך גאָרניט געוואָרען. אייניגע האָט זיך געוואָלט לייגען שטיינער אויפן הארצען, אויפווייזענדיג, אַז איצט איז ניט די צייט דערצו, אַז עס פאָדערט זיך פיל מיטלען, וועלכע ס'איז איצט שווער צו זאַמלען א. א. וו. אַנ—סקי האָט אָבער בייז און בייסיק געענט-פערט אזא הערן און האָט דערמאָנט די מעשה מיטן פויער, וועלכער האָט געגעסען א בייגעל, ווען מען האָט אים געשמיסען. בעת מען האָט דעם פויער געפרעגט, ווי קען ער דאָס עסען, בעת מען שמייסט אים, האָט ער געענטפערט: „און אַז מען וועט מיר א גאַנצען טאָג שמייסען וועל איך ניט עסען?!"

„אַז די פאָגראָמען און די מלחמה וועלען דויערן נאָך יאָרן, וועלן מיר אויך ניט זאָרגען פאַר אונזערע היסטאָרישע אוצרות?!"—האָט אנסקי זיך געווענדעט צו דער פאַרזאַמלונג.

מיט דעם איז די זאַך באַשלאָסען געוואָרן, און ס'איז אויסגעקליבען געוואָרען א צייטווייליקער קאָמיטעט, וועלכער דאַרף אָרגאַניזירען די נייע געזעלשאַפט.

האַלב צוועלף ביי דער נאַכט האָב איך זיך געזעגענט מיט אַנ—סקין, און ער איז נאָך געבליבען ביי ד"ר לעווין. פעסימיסטען האָבען געזאָגט, אַז דאָס ביי-געבאָרען קינד איז ניט לעבנספעאיג, אָבער אַז דער אקושער אליין וועט שוין אויף מאָרגען ניט לעבען, דאָס האָט קיינער ניט ערוואַרט. נאָך אויף מאָרגען מאָנטאָג 3 א זייגער האָט אַנ—סקי צוגעשיקט צו מיר א בריוו צו מ. שאליטן מיט אַן אַרטיקעל פאַרן זשורנאַל „לעבען". איך האָב ניט געוואוסט, אַז איך פיר מיט זיך דאָס ל ע צ ט ע וואָ ר ט, די ל ע צ ט ע מתנה פון גרויסען נפטר! און דאָס „לעבען" דאַרף זיך שעצען גליקליך, וואָס עס האָט דעם כבוד צו דרוקען דאָס דאָזיקע וואָרט.

אָבער די פעסימיסטען פון דער זונטאָגדיגער פאַרזאַמלונג אין וואַרשע האָבען א טעות. אמת, אַנ—סקי איז געשטאָרבען, פאַרשוואונדען פון אונז פלוצלונג, אומדערוואַרט, אָבער זיינע מעשים, זיינע חבורים, זיינע אידעען און זיינע ליב-לינגס-שאַפונגען זיינען נ י ט ג ע ש ט אָ ר ב ע ן און קענען ניט שטאַרבען. און דער ליכטיקער זכרון אָן דעם אַלטען רעוואָלוציאָנערען קעמפער און זיין פאָלק טיף ליבענדען דיכטער וועט אויף אייביק בלייבען אין די מחות און אין די נשמות פון גאַנצע דורות! ס'זיינען געווען ביי אונז גרעסערע היסטאָריקער, שריפט-שטעלער, דענקער און פאָעטען, ווי אַנ-סקי. מיר האָבן געהאַט אויך שטאַרקערע רעוואָלוציאָנערע קעמפער פאַר סאָציאַלע און פאָליטישע איבערקערענישען. אָבער ס'איז שווער אויפצווייזען נאָך אזא פערזאָן ווי אַנ—סקי, וועלכע האָט פאַראייניגט אין זיך אזא פילזייטיגע טעטיגקייט און וועלכער האָט פאַרמאָגט דעם כח צוציען צו זיך די פאַרשיידענסטע ריכטונגען אין יידישען לעבען, אזא פערזאָן, אויף וועמענס קבר ס'זאָלען זיין אַזוי ענג צוזאַמענגעפלאָכטען די שוואַרץ-ווייסע מיט די שוואַרץ-רויטע טרויערבענדער.

די סיבה ליגט אין דער ריינער טיפמענשליכער פאָעטישער נאַטור פון נפטר און אין זיין וואונדערבאַרער ליבהאַרציגקייט.

ד"ר צ. שאַבאַד.

# א האלב יאר זכרונות וועגען אנ—סקי.

(דעצעמבער 1918 — יוני 1919).

מיט אנ—סקין בין איך באקאנט געוואָרן נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. ווילנע איז דאַן געווען א קורצע צייט א מקום מקלט פאר א סך גרויסע יידען פון רוסלאנד, און שטראשונס ביבליאָטעק איז געווען זייער קולטור־צענטער. אנ—סקי איז אויך אויף א געוויסע צייט געקומען קיין ווילנע, וואו ער האָט חתונה געהאַט, און די חופה איז געווען ביים ראבינער ד״ר קאנטאָר אין שטוב אין מארט 1908. דערנאָך איז אנ—סקי אוועקגעפאָרען אין פעטערבורג, דאָרט שפעטער געגריגדעט די היסטאָריש־עטנאָגראפישע געזעלשאפט און גענומען רייזען איבער שטעט און שטעטלאך און זאמלען דער פאָלקלאָר, פון וועלכען ער האָט אויפגעקליבען א קאָלאָסאלען אוצר אין 40 בענדער.

אין ווילנע איז ער געקומען נאָך אמאָל אין הארבסט 1918, א קראנקער א צובראָכענער איז ער געקומען, אנטלויפענדיג פון די באָלשעוויקעס. עטליכע וואָכען איז ער געלעגען קראנק אין שפיטאָל „משמרת חולים״, דערנאָך האָט ער זיך באזעצט אין א צימער ווייט פון צענטער שטאָט לעבען שניפישקער בריק.

געטראָפען האָב איך זיך מיט אים איינמאָל אינאוונט. איך האָב אים דאַן באגלייט אהיים און ער האָט מיר זעהר פריינדליך געבעטען באזוכען אים, נאָר עס איז געווען איבעריג זיין בעטען, ווארום ריידענדיג מיט אים נאָר א פאר ווערטער, האָט זיך שוין דערשפירט זיין גרויסע ווארימע הארץ און ס׳האָט געצויגען צו אים ווי א מאגנעט.

זיין צימער איז געווען כמעט אָן מעבעל, מער ניט א בעטעל, א פאר שטולען מיט א קליינעם טישעל, וואס איז שטענדיג געווען פארשאָטען מיט קערטלעך פון פאפיראָסען, וועלכע ער פלעגט רויכערען אָן א שיעור, און מיט פאפירען פון זיינע שריפטען; די ווענט זיינען געווען פארהאנגען פון א סך אייל־בילדער, וועלכע ער פלעגט ליב האָבען אָפט צו קויפען אויפן מארק, וואו מ׳האָט עס דאַן פארקויפט פאר זעהר ביליג; ביים וואנט זיינען אויך געשטאנען אייניגע עטאזשערקעס מיט ביכער, וועלכע ער האָט אויך דאָרט איינגעשאפט פאר שפאָט ביליג; לעבען טיר זיינען געלעגען א פאר צענדליג בינדלעך האָלץ, וועלכע ער פלעגט אליין שפאלטען און הייצען מיט זיי זיין אויוועלע. און אָט אין דעם חורבהדיגען צימער האָט עס געלעבט אייניגע חדשים דער גרויסער זון פון יידישען פאָלק. איך האָב נאָך מורא אויסצוזאָגען, אז אפשר האָט ער אויך דאָרט שטארק דחקות געליטען, ווארום ווי איך האָב באמערקט, זיינען ברויט מיט טיי דאַן געווען זיינע גאנצע מאכלים, און דערצו נאָך בשעת ער האָט געוואוינט לעבען שניפישאָק איז אים גאָר אָפט אויסגעקומען צו קריגען זיינע ברויט אויף נאָוויגראָד ביי א באקאנטען. דאַן, אין דער צייט פון דער סאָוועטישער מאכט, איז א קורצע צייט טאַקי געווען א שטיקעל ברויט צו קריגען איינע פון די שווערסטע זאכען. אז איך האָב אים פארגעלייגט די ברויט צו קריגען, האָט ער בשום אופן וועגען דעם ניט געוואָלט הערען, ווארום פארשאפען זיך מיט אן אנדערען איז ביי אים געווען די ערגסטע זאך אין דער וועלט.

זיין חורבהדיגער צימערל איז אָבער באלד געוואָרען דער צענטער פון אלע ווילנער כלל־טוער און ליטעראַטען, ווייל דאָרט האָט זיך געפונען זייער פאָטער, דער פאטריארך פון דער יידישער ליטעראַטור־וועלט, דער מענש מיט דער גרויסער הארץ, — און אלעמען האָט געצויגען אהין.

דאָרט אין זיין צימערל האָט ער זיך מיט מיר אויך צונויפגערעדט וועגען גריגדען די היסטאָריש־עטנאָגראפישע געזעלשאפט, וואס דאס איז געוואָרען דער אידעאל פון זיין לעבען. וועגען גרינדען די היסטאָריש־עטנאָגראפישע געזעלשאפט האָט ער אפילו מיט א חדש פריער נאָך געהאלטען א גלענצענדען רעפעראט אין זאל פון אייזענבאנקרייזעל, און מ׳האָט נאָר געדאַרפט העלפען ווי וואונדערבארשיין ער האָט דאַן גערעדט. עס האָבען געפלאָסען זיינע רייד ווי דאס וואסער פון א שטיל טייכעל און זיך געגאָסען איינס נאָך דאס אנדערע און ווי פון איין גוס. מיט אמאָל האָט ער זיך א הייב געטאָן, אויסגעגלייכט זיין הויכע פיגור, א טרייסעל געטאָן זיין־

גרויסע שיינע לייבען־קאפ, די גרייז גרויע האר האבן זיך צעשויבערט איבער זיין שטראלענדען פנים און זיינע וואונדערבארע אויגען האבען אויפגעפלאמט מיט א פייער, וועלכער האט אנגעצונדען אלע הערצער. און ווי א נביא האט ער דאן גערעדט וועגען יושר און אמת און האט פארענדיגט מיט די ווערטער: „ווען זייערע פאלקסשאפונגען זיינען מערסטענטייל וועגען פרויען און בלוטפארגיסונגען, איז אבער די יידישע פאלקסשאפונג פול וועגען אמת און יושר, דער אמת שטייט אזוי הויך, אז ער רופט אפילו גאט צו א דין תורה און אז דער אייבערשטער איז גוזר א גזרה, קומט דער צדיק און איז איר מבטל". מיט זיינע פלאמיגע רייד האט ער דאן אנגעצונדען הייסע ליבע און שטאלץ צום יידישען פאלק און זיין שאפונג.

ניט קוקענדיג אבער אויפן גרויסען ערפאלג פון זיין זעלטענעם רעפעראט מיט די אומגעהויערע ידיעות פון פאלקלארישען שאפן, האט זיך דאך דאן די געזעלשאפט צוליב דער פאליטישער לאגע ניט געגרינדעט און ערשט אין א חדש ארום, דעם 20־טן פעברואל 1919, האט ער געפרובט ווייטער גרינדען די געזעלשאפט, וואס האט זיך אויך איינגעגעבען. מיר האבען צוזאמענגעשטעלט א רשימה וועמען צו רופען און גלייך אנגעשריבען די איינלאדונגען. כאראקטעריסטיש איז, וואס די איינלאדונגען האבען מיר צוזאמען פארנאנדערגעטראגען, דער גרויסער מאן האט אליין געטראגען אייניגע איינלאדונגען און וואס איך האב זיך ניט צובעטען מיר זיי איבערגעבען האט ניט געהאלפען, מיינענדיג אז איך וועל ניט באווייזען. אין דריי שעה איז בעגרינדעט געווארען די ווילנער היסטאריש־עטנאגראפישע געזעלשאפט. דער גרינדונגס־אווענט איז געווען זעהר א געלונגענער. ס'האבען זיך צונויפגעזאמעלט אלע וויכטיגסטע מענשען פון שטאט אין „דווארזשאנסקי קלוב", אין דעם ארט, וואו פאר דער צארישער מאכט האט דארט א ייד דעם שוועל ניט געוואגט אריבערצוטרעטען. מ'האט דאן גלייך אויפן ארט אויסגעקליבען א פארוואלטונג מיט אלע 5 סעקציעס און אויף מארגען איז אנ—סקי א גאנצען טאג כמעט פון קלוב ניט ארויס, אזוי ווי א רבי האט ער זיך געלאסען מיט די חברים פון יעדער סעקציע איינגעשטודירט די ארבעט וואס זי האט צו טאן. זיינע ידיעות זיינען געווען ממש אומגעהויערע און בשעת ער האט דוכט זיך געלערענט האט ער אויך צוזאמען מיט דעם אזוי באצויבערט, אז מ'איז גאר באגייסטערט געווארען צו דער ארבעט. אזוי האט אנ—סקי טאג איין טאג אויס א חדש נאכאנאנד געארבעט פאר זיין ליב קינד, די עטנאגראפישע געזעלשאפט, און מיט זיין גרויס ענערגיע און גרויסען ארגאניזאטארישען טאלאנט האט ער אלץ איינגעארדענט ווי עס באדארף צו זיין.

אנ—סקי האט דאן געארבעט ניט נאר אויף די עטנאגראפישע געזעלשאפט, נאר ער האט אין דעם האלב יאר, וואס ער האט פארבראכט אין ווילנע, אויך געהאלפען גרינדען די קהילה, דעם זשורנאליסטען־פאראיין, די קולטור־ליגע, דעם פאלקס־אוניווערסיטעט, די צייטונגען „טאג־יידישע צייטונג", ווייטער־בוך; האט געארבעט אין „יעקאפא"; אין קרייזל פון די רעכטע ס־ער'ען, וואס די גאנצע הצטרכותן זיינע האט ער כמעט אויסגעהאלטען פון אייגענע מיטלען; באגאנגען מיט נאך אייניגע כלל־טוער צו קאפסוקאס און געראטעוועט אייניגע יידען אפגעמשפטע צום טויט, דערנאך פאר די פוילישע מאכט צו פילסודסקין און געראטעוועט ליב יפה און ניגער, אויך מ. גוטמאנען פון תפיסה ארויסגענומען, און ווי טאג ווי נאכט האט ער אלץ געהאט אסיפות נאך אסיפות אן גוזמא אפשר 10 א טאג.

נאר די ליבסטע זאך זיינע איז געווען די עטנאגראפישע געזעלשאפט און זיין ענערגיע און צויבער־נאמען האבען טאקי געהאלפען, אז אין א משך פון קנאפע צוויי יאר פון מהפכות און איבערקערענישען האט זיך אויפגעזאמעלט פון מתנות כמעט אן א גראשען געלט אן אוצר פון אן ערך עטליכע צענדליג טויזענד דאקומענטען, צווישען זיי א ריי גאר וויכטיגע. אנ—סקי האט פאר דער געזעלשאפט פארפאסט דעם ערשטען אויפרוף און אויך די סטאטוטען און כללים ווי צו זאמלען פאלקלארישע מאטעריאלען. ער האט די געזעלשאפט געהאלטען אין זינען אפילו פון דער ווייטען און אלע ווילע געשיקט פון אטוואצק מתנות און גרוסען, אייניגע מאל געוואלט אפילו קומען אויף לעקציעס לטובת דער געזעלשאפט, נאר זיין געזונט־צושטאנד און די אלעווייליגע איבערקערענישען האבען עס געשטערט. אפילו א טאג פארן טויט האט ער נאך געשיקט פון הארשע מתנות פארן מוזיי, ער האט די געזעלשאפט ניט פארגעסען

אפילו נאכען טויט, און אין זיין צוואה איר אן אייביגע ירושה איבערגעלאזען...

אנ—סקי איז געווען א זעלטענער מענשען-פריינד. וואו נאר ער האט געוואוינט, זיינען אומעטום געווען ארום אים קאנצענטרירט אלע ארימע. די טיר פלעגט זיך פון זיי א גאנצען טאג ניט צומאכען און ער פלעגט זיי אוועקגעבען דעם לעצטען ביסען, דעם לעצטען גראשען. אז ער האט זיך איבערגעקליבען אין א שענערע דירה (דורך די השתדלות פון זיינע גוטע פריינד) אויף פאהוליאנקע האט ער מיר אמאל פארטרויט, אז ער איז פון דעם ניט צופרידען, חייל דארט דארף מען לעבען בעסער און שענער און ער קען דאס ניט אין אזא צייט וואס די ארימע גייען אויס פון הונגער. איינמאל איז ער אריין אין שטראשונס ביבליאטעק, האט ער דארט דערהייל דערזען א לעזער מיט א קרייענקליכען ארימען אויסזען, האט עס זיין גוט הארץ ניט געקענט אריבערטראגען, ער האט מיר תיכף געגעבען א רעכטע מטבע פאר אים און חען יענער האט עס צוגענומען דאן איז ער ערשט אוועק. אזוי אויך פלעגען קומען צו אים א סך מיט בקשות וועגען טובות, רעקאמענדאציעס און ער האט קיינעם ניט אנטזאגט, אלעמען מקרב געווען, ווער רעדט די יונגע פלעגט ער אויסהערען מיט גרויס געדולד, און אז ער האט נאר באמערקט עפעס א ניצוץ פון א טאלאנט, פלעגט זיין פנים גאר דאן שטראלען פון שמחה און ער פלעגט שוין אזא מקרב זיין אן א שיעור. און אונטערען הויך פון זיין אטעם פלעגט מען עפעס פילען א ווארימע דערהויבענקייט אין דער נשמה. ער איז אויך געווען א מאדנער מענשען-קענער. מיט איין קוק פלעגט ער דורכנעמען דורך און דורך יעדערען און זאגען ריכטיג אזוי, אז מען פלעגט ווערען ממש פארוואונדערט.

פון זעהר פיל באזוכער און פלל טועריי איז אנ—סקין כמעט ניט געבליבען קיין צייט צו שרייבען ביי טאג און עס פלעגט אים אויסקומען שרייבען שפעט ביי נאכט. אין דער פרייער צייט פלעגט ער אפט פארברייגגען אין שמועסען וועגען זיין לעבען. ער האט מיר איינמאל דערציילט ווי שווער ס'איז אים אנגעקומען זאמלען דעם פאלקלארישען מאטעריאל, און אין די קליין-שטעטלאך האט ער געמוזט זיך פארלאזען א בארד און גיין מיטן טלית און תפילין אין שול אריין, כדי דער עולם זאל האבען צוטרוי צו אים, אנדערש האט מען ניט געקענט.

אנ—סקי איז געווען זעהר א פרייליכער און א ריידעוודיגער. און ער האט מיר זאגאר אמאל געזאגט מיט פארדרוס אויף ווייטערן פארוואס ער איז א שווייגער. זיין פרייליכקייט האט אים ניט אפגעלאזען אפילו אין זיינע גרעסטע יסורים בשעת ער איז געלעגען מיט זודיגע פלעשער ביים הארצען, ווארום אנ—סקי האט אויף זיך געהאט צענדליגער מחלות.

ער האט אפט ליב געהאט צו ריידען וועגען ליטעראטור און האט 'גערעדט מיטן גרעסטען רעספעקט וועגען אונזערע שרייבער. וועגען זיינע אייגענע ווערק האט ער ניט האלט געהאט צו ריידען. אלס אויסנאם איז געווען זיין „דבוק". וועגען דעם האט ער אמאל יע עפעס אויסגעהערט.

נאר איינציגע מאל האט געטראפען, אז אנ—סקין האט פארלאזען זיין פרייליכקייט און ריידעוודיגקייט: בשעת ער האט ארויסגעזאגט זיין וידוי אויף דעם, וואס ער איז אזא צייט געווען אפגעריסען פון זיין ארימען פאלק, דעם ארימען צווישען די ארימסטע און דעם אומגליקליכען צווישען די אומגליקליכסטע. דאן האט זיך זיין פנים פארצויגען מיט א חאלקען און איז א צייט געווארען שטיל פארטיפט אין זיין שטומען צער; דאסזעלבע אויך, אז ער האט זיך דערמאנט אן זיין עלענטקייט, וואס ער לאזט ניט איבער קיין קינדער. און מיט דעם דערקלערט זיך, אפשר, וואס ער איז געווען אזא גרויסער ליבהאבער פון קליינע קינדער.

נאך אמאל אומעטיג איז ער געווען איינמאל פאר פסח, בשעת ער איז געווען שטארק קראנק. ער האט מיר דאן פארגעלייענט זיין צוואה און דערמאנט וועגען זיין ירושה פארן פעטערבורגער און ווילנער מוזיי. איך האב אים דאן אויך דערמאנט וועגען ירושלימער מוזיי. ער האט דאן אויך זעהר געלויבט שלום עליכמס צוואה און געזאגט, אז אנשטאט זיינע ווערק האט ער בעסער חייסען לייענען זיין ביאגראפיע און איז געווארען זעהר אומעטיג.

ער האט מיר דאן אויך געבעטען באזארגען זיין פאטערס יארצייט, וואס ער האט אלע מאל אפגעהיט און האט מיר דערציילט זיין הויכע אפשטאמונג פון פאטערס און מוטערס צד. שפעטער, אין יולי 1919, בשעת ער איז געווען קראנק און איז געלעגען אין אטוואצק, האט ער מיר געבעטען אפשיקען דעם

טלית, וועלכען ער האט פארגעסען אין ווילנע. זיין טלית איז געווען זעהר א לאנגער מיט א זילבערנער עטרה.

תיכף נאך די בלוטיגע אפריל־טעג פון יאר 1919 ווי גאר איך בין אריין צו אים איז ער מיר געפאלען אויפן האלדז, צעקושט זיך און מיר געוויזען די לאך פון וואנט וואס א קול האט דורכגעלעכערט, צילענדיג זיך אויף אים און ד״ר שאבאד, בשעת זיי האבען דאן געוואלט אקוק טאן אין פענסטער (זיין דירה איז געווען אויפן צווייטען עטאזש אונטער ד״ר שאבאדס וואוינונג אויף די זעלבע טרעפ) און מיר געהייסען גלייך צונויפרופען א פארזאמלונג פון דער עטנאגראפישער געזעלשאפט. עס זיינען דאן צו אים אין שטוב געקומען ד״ר וויגאדסקי, ד״ר ווירשובסקי, אינז. קוויאט, ארכיט. ראזענהויז, שאליט, און דאס רוב האבען געטענעט מיט איין קול, אז עס איז נאך שווער עפעס צו טאן. האט ער זיי דערציילט משלים און אויפגעוויזען, אז אפילו אין די ערגסטע צייטען טאר מען ניט אפהאלטען די שאפונגס־ארבעט.

אנ—סקי איז געווען א זעלטענער פארזיצער. ער פלעגט פארשטיין די פסיכאלאגיע פון יעדען רעדנער און געוואוסט אפריער וואס יענער וויל זאגען. ער פלעגט גלייך דערשמעקען די פולווער און אין מיטן ברען מיט איין ווארט איינשטילען דעם גאנצען פייער, ארויסכאפען דעם רעכטען תמצית פון אלע רעדעס און אזוי מייסטערהאפט פארמולירען, אז אלע פלעגען בלייבען צופרידען.

אנ—סקי איז אויך געווען א זעלטענער לעזער. איך האב אים צום ערשטען מאל געהערט אין אן ענגען קרייז פון ליטעראטען־און קינסטלער־קלוב אויף פאחוליאנקע (דעם קלוב האט דאן ווייטער איינגעארדענט און האט אליין אויסגעפירט מיט גרויס ליבע די גאנצע טעכנישע ארבעט). אנ—סקי האט דאן זעלטען־שיין געלעזען זיין „דבוק״, די פאלקסטימליכע דראמע זיינע, וואס איז פארוועבט מיט גאלדענע לעגענדעס פון וויפיל דורות.

זיין לעזען האט דאן געמאכט א געוואלדיגען רושם, וועגען זיין דראמע האבען זיך ארויסגעזאגט ניגער, שאליט (אין דער פרעסע), יפה, מארעוועסקי א. א. און אויך איינער א באלשעוויסטישער שריפט־שטעלער, וועלכען ס׳איז ניט געפעלען געווארען, וואס זי איז ניט פון רעוואלוציאנערען לעבען און דער אלטער דיכטער האט געשמייכעלט און געענטפערט, אז קונסט איז אייביג...

נאך אמאל האב איך אים געהערט לייענענדיג דעם „דבוק״ אין יוני 1919 לטובת זיין עטנאגראפישער געזעלשאפט אין זאל פון קהילה. דאן איז ער געווען קראנק און ער האט געמוזט אין מיטן מפסיק זיין. אים האט פארביטען דער קינסטלער מארעוועסקי. מען האט, אגעה, גלייך באמערקט וואס נאך פאר א גרעסערער קינסטלער אנ—סקי דער לייענער איז, מיט זיין מימיק און זיין זיסע שטים האט ער ממש באצויבערט.

נאך אמאל האב איך אים געזען אלס אגיטאטאר צווישען די „צעירי ציון״. דארט האט ער זעהר געלאסען געלייענט א זעלטען־שיינעם רעפעראט וועגען ציוניזם און סאציאליזם בכלל און וועגען דער פראגראמע פון די ס. ר. בפרט און אויפגעוויזען, אז די פראגראמע פון די ס. ר. איז בעסער צוגעפאסט צום ציוניזם אלס א פארטיי וואס שליסט ניט אויס קיין בירגער־ליכע מאסען און האלט פון נאציאנאליזם א. אז. וו. אלע זיינען דאן ממש היפנאטיזירט געווארען פון זיין וואונדערבארע לעקציע און מ׳האט געטראכט, אז עס קען גאר אנדערש ניט זיין. דארט האט אויך עפעס איינער א רעדנער באריערט די פראגע פון די אלטע חדרים און ישיבות און בווארפען זיי מיט דער גאנצער ארטאדאקסיע מיט שמוץ. דאן איז ער ארויס מיט א פלאם־פייערדיגער רעדע און געזאגט: ווען די שקאלעס האבען אונז געגעבען קאריעריסטען, האבען אונז די ישיבות דווקא געגעבען קעמפער און כלל־טוער אידעאליסטען. איך האב ליב מיין גאנצען פאלק, אלע זיינע קלאסען און איך גלויב שטארק אין זיין געזונטען חוש.

ניט קוקענדיג וואס אנ—סקי איז געווען א שטארקער קעגנער פון די באלשעוויקעס, ווייל ער האט געהאלטען, אז זיי ברייגען א גרויסען שאדען מיט דעם וואס זיי ווילען. ארויסרייסען דאס קינד פון מוטערס בויך פאר דער צייט און מיט דעם ברייגען אין סכנה די מוטער מיט דאס קינד צוזאמען, האט ער דאך אין יאנואר 1919 גענומען אן אנטייל אין דער גראנדיעזער לויה פון דעם געפאלענעם קעמפער שימעלעוויץ, שאצענדיג אין שימעלעוויצען זיין הויכען אידעאליזם.

אלס אפאנענט האב איך אים געהערט אויף זרובבלס לעקציע אין שטאט־זאל אין דער צייט פון דעם סאוועטישער מאכט. זרובבלס לעקציע איז געווען איינע פון די שענסטע אין איך

פאָרם, שפּראַך און אינהאַלט וועגען פּועלי־ציוניזם, פאַרפאַרבט אַ ביסעל מיט באָלשעוויזם, און דאָס איז שוין געווען גענוג, אַז אַנ—סקי זאָל אַרויסטרעטען קעגען. ער האָט גערעדט מיט פלאַם פייער און געוויזען די סתירות פון צוגויסמישען ציוניזם מיט באָלשעוויזם און האָט אויסגעוויזען זעלטען מוט און דרייסט (דאַן, ביי דער הערשאַפט פון דער סאָוועטישער מאַכט, איז דאָס געווען אַ גרויסע גבורה און ממש אַ סכנה) די חטאים פון די באָלשעוויקעס, וואָס זעצען אין תפיסה די ס. ר., וואָס רודפן יעדען פרייען וואָרט וכדומה.

נאָך אַמאָל האָב איך אים געהערט אַלס אָפּאָנענט בשעת ס'איז אַרויס באַלפורס דעקלאַראַציע און די געגנער פון ציוניזם האָבען איינגעוואָרדענט אין זאַל פון אייזנבאַנקרייזל אַ דיסקוסיע־אָוונט. אַנ—סקי איז דאַן אַרויסגעטראָטען אַלס הייסער פּאַטריאָט און האָט פאַרטיידיגט ארץ־ישראל פאַר יידען.

זיין לייבען־קאָם איז דאַן נאָך שענער געוואָרען און זיינע פלאַמיגע רייד האָבען נאָך מערער אָנגעצונדען אַ פייערליכע ליבע צום יידישען לאַנד און שפּראַך. ניט איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט: איך אַרבעט פאַר דער קולטור־ליגע, זאָל זיך גרינדען אַ תרבות וועל איך אויך אַרבעטען פאַר תרבות, ווייל איך ליב מיין גאַנצען פאָלק מיט אַלע זיינע שאַטירונגען און פאַרלאַנגען.

אַ ליכטיגע זון איז אַנ—סקי געווען אין דער יידישער וועלט. פלוצלונג איז די זון אונטערגעגאַנגען און ס'איז געוואָרען פינסטער...

ח. לונסקי.



# דער לעצטער פון די דריי.

(וועגען ש. אנ—סקי.)

דריי אזעלכע האבען מיר געהאט:

פרץ, דינעזאן און אנ—סקי.

און דער גורל האט די דריי צוזאמענגעפירט: צוערשט פרצ'ן מיט דינעזאנען. אנ—סקי איז צוגעקומען דער לעצטער.

און אקארשט-וואס זיי האבען זיך דערמאנט, זיינען זיי שוין, אט די מינוט, ווי לייבליכע ברידער צווישען זיך געווארען. נאך מער: ווי איין גוף און איין נשמה.

דאס ווייס איטליכער, וואס איז נאר איין מאל אין זייער מחיצה געשטאנען.

פרעגט זיך: וואס אזוינס האט דאס געקאנט צונויפקניפען אזוי ענג פרצן דעם פוילישען מיט דינעזאנען דעם ליטווישען יידן, און זיי ביידען מיט אנ—סקין דעם רוסישען יידען?

זיי האט צוזאמענגעבונדען א גאנצער קנויל פון שותפותדיגע אינדיווידועלע כאראקטער-שטריכען, וועלכע האבען געצויגען זייער יניקה פון איין קוואל.

דעם קוואל וואלט איך אנגערופען: פאלקסטום.

פאלקסטום הייסט אלץ, וואס ס'האט זיך אין משך פון יארטויזנטען איינגעזאפט און איינגעזויגען אין דעם פאלקס מארך און בלוט; דאס שענסטע און דאס בעסטע און דאס איידעלסטע, וואס האט זיך אונטער פארשיידענע השפעות און רעפלעקסיעס איינגעשפונען און איינגעוועבט אין דעם פאלקס נשמה: דער ברענפונקט, וואו עס ווערט קאנצענטרירט אלץ, וואס עס באשיינט און באשטראלט דאס פאלק מיטן אייביגען ליכט.

אלע זיינען מיר פאלקס-קינדער, אבער פאלקסטימליך זיינען נאר געציילטע, יחידי-סגולה. דערצו דארף מען האבען א באזונדער חוש; דאס דארף מען קענען פילען.

פאלקסטימליך זיין, הייסט — אויפצוכאפען אין יעדער צייט דעם פולס-צושטאנד פון פאלק און צו האבען א געהער פאר זיין קלענסטען אטעם-צוג.

דאס איז א מתנת-אלהים, מיט וועלכער עס זיינען באשאנקען נאר אייניגע אויסדערוויילטע.

און אזוינע אויסדערוויילטע האבען מיר אין לעצטען דור געהאט כמעט ווי נאר די דריי, וועלכע איך האב אויבען דערמאנט.

פון זיי איז אנ—סקי געווען דער לעצטער, דער מאהיקאן.

## I.

איין וועג האבען די דריי אין דער יוגענד דורכגעמאכט, דיזעלביגע עטאפן מיט דיזעלביגע עוואלוציעס. דערנאך זיינען זיי זיך פונאנדערגעגאנגען

יעדערער איז זיך אוועק אויף אן אַנדער שליאך. דאָס לעבען האָט זיי צעוואָרפען, דעם אהער און דעם אהין, און דאָס לעבען האָט זיי צוזאַמענגעפירט, ווען מיטן גלייכען טראַקט און ווען זיגזאַגענהאַפט, אויפן באָדען פון דער יידישער פאָלקסטימליכקייט, אויף וועלכען זיי האָבען זיך אַלע דריי פונאַנדער-געוואַקסען און פונאַנדערגעבליט.

קינדוויז, האָבען זיי, די דריי, אין חדרים געלערענט. די קליינינקע פיינפילנדיגע נפשהלעך זיינען אַזש באַצויבערט געוואָרען פון די ליכטיגע ביבלישע געשטאַלטען און טיף גערירט פון די הויכע נביאישע אידעאַלען: ליבע, רחמנות, פּראָטעסט געגען יעטווידער אומרעכט. און איינגעפעדימט האָט זיך דאָס אין די פאַרבאָרגנסטע פעלבעלאַך פון זייערע יונגינקע נשמות. דערנאָך האָבען זיי אין ישיבות פאַרבראַכט איינער מער, דער אַנדערער ווייניגער, זיך באַקאַנט געמאַכט מיט די ערשטע שפּראָצונגען פון יידישען פאָלקלאָר, שפּעטער אַביסעל אויפגעעפענט די אויגען, אַרויסגעקוקט פריי אין גאָטס וועלט אַריין און „משכילים" געוואָרען, משכילים געיאָגטע, גערודפטע...

געיאָגטע, גערודפטע, און ניט אַנטלאָפען, נאָר אַוועק זיינען זיי, אין הסכם צו דעם דאַמאָלטיגען גויאיש-אינטעליגענטישען מנהג „אין פאָלק אַריין", אָבער אין י י ד י ש ע ן פאָלק.

די ערשטע צוויי האָבען דאָס געטאָן גלייך, און דער דריטער ערשט נאָך אינעווייניגסטע רעוואָלוציעס און איבערקערענישען.

אַראָפּ פון דער השכלה-באַנק, איז פרץ תיכף געקומען צום פאָלק. ווי נאָר ס'האָט זיך אָנגעצונדען אין פרצן דער ערשטער דיכטערישער פונק, האָבען זיך שוין באַלד די וויברירנדיגע, אומזיכערע קלאַנגען פון זיין לירע אָפּגערופען אויף דעם טראַגיזם פונ'ם יידישען לעבען. ניט מיט דער זון און ניט מיט דער לבנה, ניט מיט דעם פרילינג און ניט מיט דעם זומער — די איינציגע טעמעס פון אַלע יידישע משוררים אין זיין צייט — האָט זיך פרצעס יונגע מוזע פאַראינטערעסירט, נאָר מיט דעם געדריקטען מצב פון יידישען המון. נאָך אַ לאַנגע צייט, איידער פרץ האָט זיך אָנגעהויבען צו דרוקען, האָבען זיך אַרומגעטראָגען צווישען די זאַמאָשצער איינוואוינער אין כתב-יד זיינע יידישע שירים, אין וועלכע ער באַדויערט דאָס יידישע לעבען פון דער יידישער מאַסע. אין אַלע זאַמאָשצער הייזער האָט מען געזונגען, למשל, פרצעס אַ סאַטירישען פּראָטעסט-שיר קעגען די שטאָטישע קצבים, וואָס דערלאָזען ניט דורכן יקרות דעם אָרימאַן צו פאַרזוכען אַ שטיקעל פלייש:

אָרימע לייט שטאַרבען פאַר הונגער,
רייסען און בייסען, נאָגען די פינגער.
פערציג גראָשען פלייש אַ פונט
און דאָס פלייש — אוי אַ קלאָג!

דאָס פאָלק איז געוואָרען דער איינציגער אָביעקט פון פרצעס דענקען און טראַכטען. פאַרטיפט האָט ער זיך אין זיין מהות פון היינט און פון פאַרצייטען,

אָפּגעגעבען האָט ער זיך גרינדליך אים צו ערפאָרשען און צו פאַרשטיין. און כמעט בהיסח הדעת, גאָר אומגעריכט האָט פרץ אַ וויכטיגע אַנטדעקונג געמאַכט: ער האָט דערזען, אַז דאָס פאָלק פאַרמאָגט ניט בלויז יידישקייט, נאָר אויך מענשליכקייט. פרץ איז דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט אין דעם יידען דעם מענשען אַנטפּלעקט און ניט דעם וואָכעדיגען, נאָר דעם שבתדיגען מענשען מיט דער נשמה יתרה... אונטער דעם דאָזיגען שטויב-שיכט פון דער יידישער אַלטעגליכקייט, האָט פרץ אַרויסגעפונען דעם גרויסען יידען-מענש מיט די העכסטע באַגריפען פון מאַראַל, פון עטיק, פון חובת-הלבבות, פון מסירת-נפשדיגער איבערגעגעבנהייט צו אידעאַלען. און פרץ האָט ליב געקראָגען דעם דאָזיגען יידען, און זיין ליבע. האָט זיך פונאַנדערגעגאָסען ווי אַ ברייטער שטראָם איבער זיינע קינסטלערישע פּאָעטישע שאַפונגען און האָט דערלאַנגט צו איר העכסטען אַפּאָגיי, באַזונדערס אין זיינע פאָלקס-טימליכע געשיכטען.

טייער און הייליג געשעצט האָט פרץ געהאַלטען דאָס פאָלק און געליטען האָט ער פאַר אים און געוויינט, און מיט אַ שטורמישען אימפּעט האָט זיך אַרויסגעריסען דער וויי־טאָג פון זיין ברוסט בעת די וועלט-מלחמה האָט אָנגעהויבען צו ווערען קאַטאַסטראָפאַל פאַרן יידישען פאָלק. דאַמאָלסט האָט זיך זיין הייס יידיש האַרץ ברייט פונאַנדערגעעפענט באַזונדערס פאַרן גורל פון'ם יידישען קינד, דעם קומעדיגען פאָנען-טרעגער פון'ם יידישען פאָלק. און ניט אויסגעהאַלטען האָט דאָס האַרץ און געפּלאַצט האָט עס, סינטעזירנדיג מיט דער פעדער אין דער האַנט דאָס יונג יידיש קינד מיט דעם אויפבוי און אויפבליהען פון אַ יונג שטאָלץ יידיש פאָלק, וועלכען ער האָט אַזוי געגאַרט צו זען.

און בשעת פרץ איז געשטאָרבען, איז געווען דער ערשטער אַלגעמיינער איינדרוק:

— געשטאָרבען איז דער אַנטדעקער פון דעם יידן-מענשען!...

דינעזאָן דער משכיל איז אַוועק צווישען די קליינינקע עופהלאַך פון דער אָרימער געדריקטער יידישער מאַסע. אויף זיי האָט ער אויסגעגאָסען דעם גאַנצען גלוטיגען שטרום פון זיין ליבענפולער נשמה. אַן אומזיסטער לערער אין מאָהי-לעווער תלמוד-תורה איז ער געוואָרען. מיט אַ פולער, ברייטער האַנט האָט ער פאַרשפּרייט ליכט און וואַרימקייט צווישען זיינע קינפּטיגע „יאָסעלאַך“ און „הערשעלאַך“. איינגעבאַקען אין האַרצען זיינען זיי אים געוואָרען, און צוגעטוליעט צו זיך האָט ער זיי געטראָגען און געטראָגען אין זיין זכרון ביז ס'איז געקומען דער טאָג, וואָס ער האָט זיי קינסטלעריש איבערגעשאַפען און אַריינגענומען אין דער גאַלעריי פון זיינע פאַראייביגטע קינדערשע פאָלקס-טיפּען.

און בעת דינעזאָן איז אין דער ליטעראַטור אַריין, איז ער אַ פאָלקס-שרייבער געוואָרען. פון פאָלק אַרויס און פאַרן פאָלק געשריבען און געשאַפען און בעת אַנדערע אין זיין צייט האָבען פאַרן פאָלק קיין גוט וואָרט ניט געפונען, בעת אַבראַמאָוויטש (דער שפּעטערדיגער מענדעלע) האָט זיך שטאַרק געבייזערט און

זיך גאנץ אָפט געכאפּט זידלען און לינעצקי האָט קאטאָוועס געטריבען און לצנות געמאכט, — האָט דינעזאָנס פּען געשטרוימט לויטער ליבע, בארימהארציגקייט און איבערגעבענהייט צום פאָלק. גאנץ אָפט האָט ער אויך געפּרובט מוסרן, שטראָפען, אָבער תמיד פאָטערליך גלעטענדיג... איינגעבויגען דעם קאָפּ מיט גרויס יראת־הכּבוד איז דינעזאָן געשטאנען פאר דעם גרייז־גראָען מארטירער־פאָלק. אראָפּגעלאָזען האָט ער זיך אויפן גרונד פון יידישען פאָלקסטום און ארויסגעשעפּט פון דאָרט און אנטפּלעקט אין קינסטלעריש־דיכטערישע בילדער גאנצע אוצרות פון עטישע פּערעל־ווערטען—די פּרוכט פון דורות־לאנגע פאָלקישע צייכט־שאפונגען, און יעדער בילד באהויכט מיט גרויס ליבשאפט און באוואונדערונג.

און אז דינעזאָן האָט שוין זיין ליטעראַרישען וועג פארענדיגט, האָט אים ווידער געצויגען צו זיינע עופהלעך, צו די עלנדע, אומגליקליכע פון גורל געיאָגטע קינדערלעך. זיי האָט ער זיינע לעצטע, שוואכע כּחות אָפּגעגעבען; אין זאָרג אום זייער שיקזאָל האָט ער זיין נשמה אויסגעהויכט.

און אז דינעזאָן איז געשטאָרבען, איז געווען דער ערשטער אלגעמיינער רושם:

—דער פ אָ ל ק ס־פ ר יי נ ד איז נפטר געוואָרען!

דאָס פאָלק האָט דערפילט, ווער ס'איז אים אָפּגעשטאָרבען.

## II.

אנ—סקי איז אויך ארויס פון דער משכּילישער שול. פון די דריי איז ער דער מער גערודפטער. דערצו האָט גורם געווען דאָס באזונדערס פינסטערע, פּאַבּאטישע רייסן. לילנבלומס „חטאת־נעורים" האָט מען ביי אים געפונען, און דערפאר האָט מען אים געוואָלט אין שטעטעל יורד לחייו זיין.

אנ—נסקי איז אוועק, אָבער ניט פארביטערט, און ניט מיט שנאה, נאָר מיט גרויס באדויערען צו „די פארבלענדטע און פון דער אומוויסענהייט געפּענטעטע ברידער".

און צום תּכלית פון זיין לעבען האָט ער זיך געמאכט צו עפענען די אויגען פון די דאָזיגע בלינדע.

אנ—סקי איז א לערער געוואָרען, א פּיאָנער פון בילדונג. א גאנצען טאָג איז ער ארומגעלאָפען איבערן שטאָט און גראָשענע אוראָקען געגעבען, און ביז א שטיק אין דער נאכט איז זיין בוידים־שטיבעל געוואָרען א מין קלייזעל פון ישיבה־בחורים און קלויזניקעס און פּרושים. אָבער ניט קיין תּורה האָט מען דאָרט געלערענט, נאָר דעם רוסישען אבעצע, קירפּיטשניקאָווס גראמאטיק און מאלינין־בורענינס אריפמעטיק.

און ניט נאָר ,סתם געלערענט האָט מען אין אנ—סקיס קלייזעל. מ'האָט אויך שמועסען געפירט, מ'האָט זיך מתווכח געווען איבער אבסטראקטע ענינים.

אין מיטעלפּונקט פון די דאָזיגע אבסטראקציעס איז נאָך אלץ די „השכּלה" געשטאנען, אָבער ניט די אמאָליגע, די פּוסטע, די אינהאלטלויזע, די מליצה־

השכלה, וואָס שוועבט אין די וואָלקענס און איז אָפּגעריסען פון דער ערד, נאָר די נוצליכע, אוטיליטאַרע.

אנ—סקי פלעגט מסביר זיין פאַר זיין אוידיטאָריע גאַנצע פּרקים פון ביכנערס „קראַפט און שטאָף", קאַפּיטלען פון פייערבאַכען וועגען פּאָליטישען ראַדיקאַליזם, וועגען רעליגיע און פון שליידענען וועגען נאַטור-וויסענשאַפט.

און אין איין שיינעם אָוונט איז אנ—סקי ארויס מיט א פּלאַן:

— וואָס השכלה, ווען השכלה? ס'איז קיין תּכלית ניט. מ'דאַרף זיך לערנען א מלאכה.

און אנ—סקי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דאָס מקיים געווען בפועל ממש. ער האָט זיך גענומען לערנען שמידעריי.

ביז אהער האָט אנ—סקי ניט געקאַנט דאָס לעבען פונם יידישען בעל-מלאכה. איצטער האָט ער זיך מיט אים בעגעגענט. די דאָזיגע באַגעגעניש האָט אויף אים א שטאַרקען איינדרוק געמאַכט. ער האָט דערפילט, אז דער סדר-העולם איז עפּעס ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין: איינער טוט די אַרבעט, און דער צווייטער עסט איר פּרוכט...

דעם טאָג אָפּגעווען אין קוזשנע און די נאַכט פאַרבראַכט אין זעלבסט-בילדונג. איינגעשלונגען האָט אנ—סקי די רוסישע ראַדיקאַלע ליטעראַטור פון די 60-ער און די מיטעלע 70-ער יאָרען. די פאָרשטייער פון יענער ליטעראַטור האָט ער געהאַלטען פאַר די אַפּאָסטאָלען פון די עכט יידיש-נביאישע אידעאַלען.

אנ—סקי איז נאָך דאַן געשטאַנען אויפן יידישען באָדען.

און אנ—סקי איז ווידער אַוועק — און גענומען זיך צו זיין אמאָליגער מיסיע: צוריק א לערער געוואָרען, ווידער א פּיאָנער פון בילדונג.

אָבער דעם מאָל שוין ניט ביי זיך, שוין ניט צווישען אייגענע, נאָר אין דער פרעמד... איבער די דערפער איז ער געגאַנגען לערנען מיט די קינדער פון די פּויערים.

האָט זיך אנ—סקי, ווי ס'האָבען געטאָן א סך אנדערע אין זיין צייט, אָפּ-געזאָגט פונם יידען צוליב דעם פּויער?

ניין, מיט אנ—סקין איז פאָרגעקומען עפּעס וואָס אנדערש. דעם שטויס צום פּויער האָט אים געגעבען דווקא דאָס יידיש הארץ, יענעס הארץ, וואָס פאַר-שמעלערט ניט און פאַרצוימט ניט זיינע געפילען פון פרעמדע, וואָס האָט געבוג אָרט פאַר ליבשאַפט צו דער גאַנצער מענשהייט. די ליבע צו א מענשען אלס מענש איז געווען איינער פון אנ—סקיס ספּעציפישע כאַראַקטער-שטריכען. דאָס וואָרט „פיינדשאַפט" האָט אין אנ—סקיס ווערטער-בוך לגמרי געפעלט. איז יענער א מענש — דאַרף מען אים ליב האָבען און מ'מוז אים ליב האָבען. היינט ווער רעדט שוין, אז יענער איז נאָך דערצו א געדריקטער — אַזעלכען דאַרף מען געוויס אַוועקגעבען דאָס לעבען מיט דער נשמה...

ניט איינמאָל אין זיין לעבען האָט אנ—סקי פאַר דעם דאָזיגען אויספיר גאַנץ

טייער באַצאָלט — באַצאָלט מיט די טייערסטע אַנטוישונגען. ער איז זיך אָבער געגאַנגען זיין וועג און געבליבען ביי דאָס זייניגע.

האָט דער אוריאַדניק אַרויסגעשיקט אַנ—סקין פון ערגעץ אַ שאַכטע אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע צוליב זיין יידישער אָפּשטאַמונג, איז נעבאַך אַ רחמנות אויפן פויער דעם אוראַדניק, וואָס ווערט דעמאָראַליזירט אונטער אַזאַ דעספּאָטישען רעזשים...

רוסלאַנד ווערט פאַר אַנ—סקין צו איינג. ער לאָזט זיך אַוועק אין דער גרויסער וועלט אַריין. ער קומט קיין פּאַריז און ווערט דאָרט אַ פאַבריק־אַרבעטער.

ער באַקאַנט זיך מיטן לעבען פון די פּאָליטישע עמיגראַנטען, ווערט אַ שטענדיגער באַזוכער פון זייערע קרייזלאַך, אַן אויפמערקזאַמער צוהערער פון זייערע דיסקוסיעס, און הויבט זיך באַלד אַליין אָן אין זיי צו באַטייליגען. פון אָנהויב פעלט אים דער דרייסט; דערנאָך ווערט ער פון די בעסטע און אינטערעסאַנטעסטע דיסקוסאַנטען.

אַנ—נסקי ווערט באַפריינדעט מיט די אָנפירענדיגע פּערזענליכקייטען פון דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; ער באַקומט שטאַרק התפעלות פון זייער שטורמישען קאַמפּס־גייסט פאַר די גרעסטע מענשליכסטע אידעאַלען, פאַר פרייהייט, ברידערליכקייט.

מיט דעם גאַנצען גלות פון זיין יונגער נשמה וואַרפט זיך אַנ—סקי אַריין אין דער באַוועגונג. זי ווערט ביי אים זיין סטיכיע. ער דינט איר מיטן מויל און מיט דער פען.

אין די 80־ער יאָרען איז אַנ—סקי אַריין אין דער ליטעראַטור. זיין ערשטער דעביוט איז געווען אַן ערציילונג פונם יידישען לעבען געדרוקט אין די ביכלעך פון „וואָסכאָד". פון דאַמאָלסט אָן האָט ער אָוועקגעלייגט זיין פעדער. איצטער האָט ער זי צוריק אין האַנט גענומען. ער האָט געשריבען אַרטיקלען אין געהיימע, אונטערערדישע סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבען.

דערצו וויל איך באַמערקען פאָלגענדעס:

מיט עטליכע יאָר שפּעטער האָט זיך אַנ—סקי צוריקגעקערט צו דער לעגאַלער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעשריבען עטליכע דאָרפס־געשיכטען,—בילדער פונם פויערשען לעבען.

בשעת מעשה האָט די קריטיק אָנגענומען, אַז אַנ—סקי זאָל האָבען געשריבען די דאָזיגע ערציילונגען אונטער דער דירעקטער השפעה פון דעם באַוואוסטען רוסישען נאַראָדניק גליעב אוספּענסקי.

מיר דאַכט, אַז די דאָזיגע מיינונג איז ניט אַזוי ריכטיג.

ס'איז גענוג אָנצווייזען נאָר אויף דעם, אַז בעת גליעב אוספּענסקי שילדערט דאָס לעבען פון פויער, דעם זון פונם לעבעדיגען רוסישען פאָלק, אין תחום פון די רוסישע עטנאָגראַפישע גרעניצען, אידענטיפיצירט אַנ—סקי זיין פויער מיט דער ליידענדיגער מענשהייט בכלל.

בעת אַנ—סקי מעלט דעם פויער, זעט ער פאַר זיך, קודם כל דעם מ ע נ ש ע ן,

דעם געדריקטען, נידערגעשלאָגענעם האָרעפּאַשניק, וואָס גייסטיג פּאַרטעמפּט וואַרפט ער זיך אונטער מיט אַ פּאַטאַליסטישער הכנעה זיין גורל, אומפיייהיג צום קלענסטען פּראָטעסט-געפּיל. דאָס ספּעציעל פּויערשע שטייט ביי אַנ—סקין אויפן לעצטען פּלאַן.

דעריבער האַלט איך, אַז ס׳זיינען זיך שטאַרק טועה יענע, וואָס גלויבען צו זען אין די ווערק, וועלכע אַנ—סקי האָט געשריבען אויף ניי-יידישע טעמעס, השפּעות פון די רוסישע נאַראָדנישע שריפטשטעלער. דער איינציגער פאַקטאָר, וואָס האָט געהאַט אַ השפּעה אויף אַנ-סקין תּמיד און אין אַלץ, איז געווען נאָר — זיין יידיש האַרץ. בכלל האָט אַנ—סקין דעם אימפּולס צו זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען אין די פאַרשיידענע תּקופות פון זיין לעבען געגעבען ניט דער מ ו ח, נאָר דאָס ה א ר ץ.

אַנ—סקיס אַרויסטרעטונגען אין דער סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָבען אויף אים באַלד צוגעצויגען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. זיי זיינען דערגאַנגען אויך צו דעם אין זיין צייט זייער פּאָפּולער געוועזענעם סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערען טעאָרעטיקער, דעם רעדאַקטאָר פון „וופּעריאָד" פּעטער לאַווראָוו, וועלכער האָט איינגעלאַדען אַנ—סקין צו זיך אַלס סעקרעטאַר קיין לאָנדאָן.

אמאָל אין אַ געשפּרעך מיט אַנ—סקין האָב איך מיך צו אים אָפּגערופען:

— באַשערט געווען לאַווראָוון צו האָבען ביי זיך פאַר סעקרעטאַרען אַלץ יידען און ביידע הייסע נאַציאָנאַליסטען. פריהער איז לאַווראָווס סעקרעטאַר געווען ל י ב ע ר מ א ן, דער שפּעטערדיגער רעדאַקטאָר פון׳ם העברעאישען סאָציאַליסטישען זשורנאַל „האמת", און דערנאָך — א י ר.

אויף דעם האָט מיר דאַמאָלסט אַנ—סקי געענטפערט:

— איך זאָל אייך זאָגען, אַז כ׳בין דאַן געווען אַ יידישער נאַציאָנאַליסט,— דאָס קען איך ניט, הגם ס׳איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז פאַרבאָרגען פון זיך אַליין, „הינטער דעם שוועל פון׳ם באַוואוסטזיין", האָב איך עס קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו זיין. דערפאַר אָבער בין איך דענסטמאָל אויך קיין קאָסמאָפּאָליט ניט געווען. כ׳בין געווען אַ מ ע נ ש...״

אין לאָנדאָן האָט אַנ—סקי פאַרקערט אין די סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערע קרייזען, אין וועלכע ער האָט איינגיכען פאַרנומען אַ בכבודיגען אָרט. אין יענער צייט האָט ער זיך באַקאַנט מיטן פירשט קראָפּאָטקין, וואָס איז פאַרבליבען איינער פון די וויי ביגע, וועלכע ער האָט אין זיין גאַנצען לעבען דערמאָנט ביי יעדער געלעגענהייט מיט דעם גרעסטען יראת-הכבוד.

פאַר יידען און פאַר ספּעציפיש יידישע צרות האָט נאָך אַנ—סקי דאַן ניט געהאַט קיין באַזונדער אינטערעס. אַלע ליידען און דער ייד אויך בתוכם. אז ס׳וועט אויפגיין די זון פון דער נייער וועלט פאַר אַ ל ע מ ע ן, וועט שוין ממילא דעמאָלט ליכטיג ווערען אויך פאַרן יידען.

אָבער ניט לאַנג איז אַנ—סקי פאַרבליבען ביי דער דאָזיגער אידעאָלאָגיע. אין די ערשטע יאָרען פונ׳ם איצטיגען יאָרהונדערט האָט ער זיך פון איר לחלוטין אָפגעזאָגט.

---

### III.

קיין דיינקער, קיין פילאָסאָף איז אַנ—סקי ניט געווען. צוצוטרעטען צו אַן ענין מיטן אַנאַליטישען מעסער, ווי זיין יוגענט־חבר זשיטלאָווסקי, למשל, — דאָס איז ניט געלעגען אין זיין מהות. צו דעם איז ער געווען צו טעמפּעראַמענטפול׳ צו עקספּאַנסיוו. אין אַלץ האָט ער זיך געלאָזט דיקטירען נאָר פון זיין געפיל. דאָס געפיל איז געווען ביי אַנ—סקין דער שטענדיגער וועג־ווייזער, דער עמוד־האש אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן און געשאַפען. באַזיצענדיג אַ נאַטירליכען אינסטינקטיווען געפיל פאַר דאָס אייביג־מענשליכע, פאַר אַלץ וואָס פאַרשענערט און פאַראיידעלט און מאַכט דערהויבענער און גליקליכער דאָס לעבען, האָט ער אין יעדער זאַך, אין אַ פּאַרטיי, אין אַ באַוועגונג קודם כל׳ אויסגעפונען די ליכטיגקייטען און די אַלמענשליכע מאָטיווען. דערמיט דאַרף דערקלערט ווערען די, אין פלוג גאַנץ אומנאָרמאַלע ערשיינונג מצד אַזאַ ליכטיגע פּערזענליכקייט ווי אַנ—סקי, וואָס אין איינער און דערזעלבער צייט האָט ער סימפּאַטיזירט מיט געגענזייטיג זיך באַקעמפנדע שטרעמונגען און אידייען־ריכטונגען, און פריינדשאַפטליך זיך פאַרטראָגען צו זייערע פאָרשטייער.

צווישען יידישע סטודענטען־קרייזלעך אין דער שווייץ האָט זיך אַנ—סקי צום ערשטען מאָל באַקאָנט מיט די סטודענטען פון „בונד". דאָס איז געווען בעת אין „בונד" האָט זיך נאָר־וואָס גענומען באַמערקען אַ נייגונג צום נאַציאָ־נאַליזם מיט דעם לאָזונג פון אַ קולטורעלער אַוטאָנאָמיע. אין געוויסע אינטע־ליגענטישע קרייזען איז מען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויפן „בונד" פאַר דער דאָזיגער אָפּשפּאַלטונג פון דער אַלגעמיין־סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אין אַנ—סקין האָט דאָס אַרויסגערופען פאַר אים אַליין אַ גאַנץ אומערוואַרטעטע מעטאַרמאָפאָזע: ס׳האָט אין אים אויפגעוועקט דעם געוועסט איינגעשלעפערטען יידן. יע, אַנ—סקי דער ע ס ־ ע ר איז ניט אַריבער צום „בונד"; צו באַשרענקט און צו ענג איז פאַר אים געווען זיין פּראָגראַם. אַריבער איז ער נאָר צום בונדס פּראָבלעמאַטישען יידען... פון דער פאַרחשכטער, אָפּגעלאָזענער און ביי זיך אַראָפּגעפאַלענער יידישער מאַסע אין מינסק און אין ווילנע און אין אַנדערע שטעט און שטעטלאַך פון תחום טיילען זיך אויס גרופּעס פון יידישע יונגע־לייט, בחורים און מיידלאַך, אַרבעטער און אַרבעטערינס מיט שטאָלץ אויפגעהוי־בענע קעפּ און מיט אַ שטאַרקען, אייזערנעם ווילען צו קעמפען קעגען עקספּלאָ־אַטאַציע און פאַרשקלאַפונג און צו צוברעכען די קייטען פון טיראַניי און דעספּאָטיזם. וועגען דער דאָזיגער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטנדיגער יוגענט הערט זיך אָן אַנ—סקי פאַרשיידענע מעשהלאַך, וועלכע רופען ביי אים אַרויס אָן אומגעהוירער גרויסע באַגייסטערונג, און אונטער דעם איינדרוק פון דער

דאָזיגער באַגייסטערונג זעצט ער זיך אַוועק און באַשאַפט אַ הימען פאַר די יונגע יידישע קעמפער, — „די שבועה".

דאָס איז נאָך אָבער פאַר אַנ—סקין צו ווייניג. ער פילט, אַז אין דעם איז נאָך זיין התפעלות פאַרן „בונד" ניט אויסגעשעפּט. ער וויל אויסדריקען זיין סימפּאַטיע צום „בונד" דורכן קינסטלעריש-מאָלערישען וואָרט און שרייבט אָן אַ ערציילונג פון בונדיסטישען לעבען אונטערן נאָמען „אין שטראָם". דאָס איז שוין געווען בעת ער האָט זיך נאָכן מאַניפעסט פון 17-טען אָקטאָבער צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד און האָט זיך מיטן „בונד" דערקאָנט אויפן אָרט.

לייענט מען אָבער די דאָזיגע אַנ—סקיס ערציילונג, מאַכט זי אַ מערקווירדיגען רושם, איך וואָלט זאָגען: אַ צוויי-זייטיגען. פון איין זייט פילט זיך די זעלישע וואַרימקייט, מיט וועלכער דער מחבר באַציט זיך צו זיינע העלדען, און פון דער אַנדער זייט זעט זיך אַרויס גאַנץ בולט, אַז אַנ—סקיס פּענזעל האָט זיך דעם מאָל ניט געהעריג פונאַנדערגעקליבען אין די פאַרבען, אַז די בילדער זיינען ביי אים אַרויס צו בלאַס און ניט ריכטיג און לעבענס-טריי ניט בלויז פּסיכאָלאָגיש-קינסטלעריש, נאָר אפילו פאָטאָגראַפיש, באופן, אַז דאָס ווערק איז אַרויס ניט ווי געהעריג דורכגעטראַכט און, ווען ס'איז ערלויבט אויסצודריקען זיך באַנאַל, ניט „אויסגעטראָגען", און אַזוי אַרום געווינט זיך דער איינדרוק, אַז „אין שטראָם" איז די אומגעלונגענסטע זאַך, וואָס אַנ—סקי האָט ווען ס'איז ליטעראַריש געשאַפען.

צווישען די אויבענדערמאָנטע יידישע סטודענטען-קרייזלאַך אין דער שווייץ זיינען געווען אַזעלכע, אין וועלכע מ'האָט שטאַרק דיסקוטירט וועגען ציוניזם. די יידישע עס-ערען האָבען די דאָזיגע קרייזלאַך אויסגעמיטען; ביי זיי איז דער ציוניזם געשטאַנען נידעריגער פון יעדער דיסקוסיע. אַנ—סקי איז אין דעם פּרט געווען אַ יוצא מן הכלל. ער האָט זיך מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג שטאַרק פאַראינטערעסירט און האָט געוואָלט דעם ציוניזם גרינדליך דערלערנען. אָפּהאַלטענדיג זיך די ערשטע צייט אַליין פון אָנטייל צו נעמען אין די ויכוחים וועגען ציוניזם, איז ער געווען נייגעריג צו זען און צו הערען ווי אַנדערע קלייבען זיך אין אים פונאַנדער. דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגען פון די דאָזיגע ויכוחים איז פאַר אים אַליין געווען אַן אומבאַשטימטער, אַ נעפּלהאַפטער. פון איין זייט האָט אים אימפּאָנירט דער גרונד-געדאַנק פון ציוניזם, וואָס באַזירט אויפן פרייהייטס-דראַנג פון אַ פאַרקנעכטעטען פאָלק, און פון דער אַנדער זייט, האָט ער עס באַטראַכט ווי עפּעס אַ קאַפּיטאַליסטיש-בורזשואַזש-קלעריקאַלען אויפטו, וועלכען זיין פּראָלעטאַרישער גייסט האָט אָרגאַניש ניט געקאָנט פאַרטראָגען. דאָס האָט אים באַוואויגען עטליכע מאָל אַרויסצוטרעטען שאַרף קעגען ציוניזם. מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט איז אַנ—סקי אַמאָל אַרויס געגען הערצלען פאַר זיין באַזוך ביי פּלעווען. די גאַנצע קאָנצעפּציע פון יידישען נאַציאָנאַלען אויפלעבונגס-געדאַנק איז אַנ—סקין לויט זיינע דאַמאָלסדיגע השגות געבליבען פרעמד. דאָס האָט ער ערשט

אנגעהויבען תופס צו זיין נאך דעם אינעווייניגסטען איבערבראך, וואס איז אין אים פארגעקומען אין א קורצער צייט ארום.

און ס'איז אנגעשטאנען דער מאמענט, ווען אנ—סקי האט מיט דערזועלביגער פייעריגער באגייסטערונג, וואס ער האט אמאל אנגעשריבען דעם הימען פארן „בונד", אנגעשריבען א פלאמענדיגען הימען אויך פארן ציוניזם, פאר דער ווידעראויפלעבונג פונ'ם יידישען פאלק אין ארץ-ישראל.

דאס איז געווען נאך דעם באוואוסטען באשלוס פון סאן-רעמא.

אונטער דעם ערשטען איינדרוק פון דער בשורה וועגען דער דאזיגער העכסט באדייטנדיגער פאליטישער אקציע, האט דער מחבר פון דער „שבועה" באלד די פעדער גענומען און אין הויך באגייסטערטע ווערטער די יידישע גאולה באזונגען.

איך דערמאן מיך דעם פאלגענדען פאקט:

דאס איז געווען אינמיטען יאנואר 1919. אנהויב אווענט בין איך געקומען באזוכען אנ—סקין. כ'האב אים דאן געפונען ליגנדיק אין דער פינסטער אויפן בעט. כ'האב געוואלט א דריי טאן דעם עלעקטרישען קנעפעל, האט ער ניט געלאזען זאגענדיג: מ'דארף ניט, אט זעצט אייך, אט דא לעבען מיר.

אז כ'האב מיך אוועקגעזעצט לעבען אים, האט ער זיך צו מיר אפגערופען:

— אט דא ניט לאנג בין איך ערשט א פארמאטערטער א היים געקומען, כ'כהאב אנטייל גענומען אין דער לויה פון די קאמוניסטישע הרוגים און האב אויפן קאפעדראל-פלאץ מספיד געווען שימעלעוויצן.

שימעלעוויץ איז געווען, כידוע, איינער פון די פייערדיגסטע קאמוניסטישע אגיטאטארען און דער סעקרעטאר פונם ווילנער ארבעטער-ראט.

— אט אזוי ראט מען דאס אויס — האט אנ—סקי פארגעזעצט זיין געשפרעך מיט מיר — אונזער שענסטע אידעאליסטישע יוגענד. ווער האט דער יונגער קעמפער שלעכט געטאן? וועמען האט ער אויף גאטס וועלט ענג געמאכט? פארוואס קומט דאס אים אזא טראגישער סוף?

און בעת אנ—סקי האט אזוי גערעדט, האב איך געפילט, אז זיין קול ציטערט אביסעל אונטער.

נאכדעם ווי אנ—סקי האט פארענדיגט, האב איך א זאג געטאן:

— מיר, ציוניסטען, האבען אויך געהאט די טעג זעהר א גרויסע אבדה.

— וואס איז?

— ס'איז געשטארבען דער באוואוסטער ציוניסטיש-נאציאנאליסטישער עסקן אינזשענער סירקין אין קיעוו.

— וואס איך הער! סירקין איז געשטארבען? — האט אנ—סקי שטארק אויפגערעגט אויסגערופען, אראפכאפענדיג זיך פון בעט — סירקין, דער גרויסער הארציגער ייד! מיין גוטער פריינד! מיין ברודער!

אנ—סקי האט אנגעצונדען פייער. דאן האב איך ערשט דערזען, אז זיינע אויגען זיינען פייכט פון טרערן.

אויף מאָרגען אינדערפרי האָט אַנ—סקי אַליין געבראַכט אין דער רעדאַקציע פון די ציוניסטישע „לעצטע נייעס״ זעהר א הייסען און א באַהאַרצטען נעקראָלאָג אויף דעם פאַרשטאָרבענעם ציוניסטישען עסקן אינזשענער סירקין.

וועט זיך געפינען כאָטש איינער, וואָס זאָל זיך וואַגען זאָגען, אַז אַנ—סקי איז געווען א בוגד אין זיין פאָן, אַז אַנ—סקי איז געווען אַן איבערלויפער פון לאַגער צו לאַגער?

ניט איינער!

טריי און ערגעבען איז אַנ—סקי כל ימיו געבליבען זיין פאָן, וואָרום אָנגעשריבען איז געווען אויף זיין פאָן:

„כל ישראל חברים!״...

אָט דער לאָזונג איז אים פאַרבליבען הייליג און טייער ביז זיין לעצטער מינוט.

## IV.

ווען, אייגנטליך, האָט זיך אָנגעהויבען ביי אַנ—סקין זיין אינעווייניגסטער איבערבראָך? —

קיין ריכטיג קאָנטראָלירטע דאַטען האָבען מיר אויף דעם ניט. זיינע ביזאַהעריגע ביאָגראַפען האָבען זיך קיינער אויף די עטאַפּען פון זיין אידעען-לעבען ניט אָפּגעשטעלט. אַנ—סקי אַליין ווידער, האָט דאָס אויך קיינמאָל ניט געגעבען צו מערקען. קאָנסטאַטירען קענען מיר נאָר דעם איין פאַקט, אַז אַנ—סקי האָט אָנגעהויבען צו ווערען פּאָפּולער אין דער ברייטער יידישער עפענטליכקייט זינט ער האָט גענומען שרייבען יידיש.

איניגע צופעליגע געשפרעכען, וועלכע כ׳האָב געהאַט מיט אַנ—סקין אין׳ם משך פון די עטליכע חדשים, וואָס ער האָט דאָס לעצטע מאָל פאַרבראַכט אין ווילנע, גיבען מיר די מעגליכקייט אַריינצוטראָגען אין דער פראַגע אַביסעל ליכט.

אַנ-סקי האָט זיך פאַר מיר וויפיל מאָל אויסגערעדט, אַז אים ציט צו ווילנע, אַז ווילנע איז אים איינגעבאַקען טיף אין האַרצען, אַז ער וואָלט וועלען לעבען אין ווילנע און אויך שטאַרבען אין ווילנע.

האָב איך אים אמאָל א פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, מיט וואָס, אייגענטליך, האָט דאָס אונזער ווילנע אַזוי גיך באַוויזען צוצובינדען אייך צו איר? איר וואוינט דאָך דאָ ערשט אַזאַ קורצע צייט. וואָס האָט איר דאָ אַזוינס אין ווילנע דערזען?

אויף דעם האָט מיר אַנ—סקי געענטפערט:

— אָט הערט, וועל איך אייך עפּעס דערציילען: בשעת מען האָט מיך געפשרט און דערלויבט צו קומען קיין רוסלאַנד, האָב איך מיר געלאָזען פאָרען גלייך אַהין, וואו קיין יידענס פוס טאָר זיך ניט באַווייזען: קיין פעטעובורג. איך האָב מיך דאַמאָלסט אונטערוועגס אָפּגעשטעלט אויף א פּאָר טעג אין ווילנע. איך געדיינק שוין היינט ניט ווי אַזוי, צי אַליין צי מיט נאָך עמיצען, בין איך אַרויף

אויפן שולהויף. איך בין אריין, אדער מ'האט מיך אריינגעפירט אין גאונס קלויז. דאס איז געווען א זומער-טאג פארנאכט „בין מנחה למעריב". הארט ביים אריינגאנג זיינען ארום א גרויסען טיש געזעסען א פאר מנינים יידען בעלי-בתים כמעט אלע שוין באיארענטע מענשען, וועלכע האבען זיך איינגעהערט מיט א באזונדערער אויפמערקזאמקייט צו איינעם פון זיי אינדערמיטען, וואס האט פארגעטראגען — איך האב שוין היינט פארגעסען וואס: צי איז דאס געווען מדרש אדער הגדה. איך געדיינק נאר, אז דער אינהאלט פון דעם „שיעור" איז באשטאנען אין זעהר פאנטאסטישע און פארבענרייכע לעגענדעס וועגען דער וועלט און יענער וועלט. א לאנגע ווילע בין איך געשטאנען און האב מיט גרויס אנטציקונג באטראכט די לייכטענדיגע פנימער פון די צוהערער, אין וועלכע ס'האט זיך אפגעשפיגעלט א מין „התפשטות הגשמיות" און אפגעשטראלט א מין הימעלשער פארגעניגען, ממש ווי די מענשען וואלטען בעת-מעשה פארגעסען וואו זיי געפינען זיך און וואלטען זיך געפילט באפליגעלט און בחברותא מיט די מלאכים, שוועבענדיג מיט לויבלידער אויף די ליפען צום כסא-הכבוד... אנטקעגען אין מזרח-וואנט האט זיך א גאנץ שיינינקער יונגינקער בחורל פון א יאר 16—17 געשאקעלט איבער א גמרא און דערביי אונטערגעזונגען מיט אזא מתיקות, אז ס'האט מיך גענומען אזש ביים הארצען. אין יענער מינוט איז מיר מיט אמאל ארויפגעשוואומען אין מח א גאנצער שטראם פון קינדהייט-און יוגענט-זכרונות. כ'האב מיך דערמאנט אן אונזער שטאטיגען בית-מדרש, וואו איך האב מיך אויך אמאל געשאקעלט מיט גרויס חשק און התמדה איבער דער גמרא אט ווי יענער בחורל, און טאטעס און מאמעס האבען זיך געבענטשט מיט דעם קינפטיגען רב, וואס וועט פון מיר ארויסקומען. כ'האב מיר פארגעשטעלט אונזער רב, ווי ער זיצט ביים „שיעור" און איז זיך מפלפל אין לערנען מיט די שטאט-לומדים, וועלכע שלינגען ממש איטליכסווארט, וואס גייט ביי אים ארויס פון מויל, און איין זכרון האט געשלעפט נאך זיך דעם אנדערען; כ'האב זיך ערינערט אן אונזערע שבתים און יום-טובים, אן דעם טאטענס זמירות, אן דער מאמעס שטערענטיכעל... און א בענקעניש האט זיך אין מיר דערוועקט, א בענקעניש נאך יענע קינדערשע תמימותדיג-זיסע יארען, וואס זיינען אוועק אין רויך און אן אומעט האט מיך אנגענומען, א שטילער אומעט, וועלכער האט מיר ניט געדריקט, נאר געגלעט... אז איך בין ארויס אויפן גאס האב איך אין מיר דערפילט דאס באדערפעניש צו קריגען וועמען ס'איז דורכצורייידען זיך מיט אים וועגען יידען און יידישקייט. גראד האב איך מיר אין יענער מינוט דערמאנט אז דא דארף וואוינען ד״ר קאנטאר, וועלכען מ'האט יענעם זומער אויסגעקליבען אלס ווילנער ראבינער, און האב מיר געלאזען גיין אויפזוכען אים. אז איך בין ארויף אויף זאוואלנע גאס, האב איך דערזען ווי קאזאקען מיט נאגייקעס אין די הענט יאגען אראפ פון די טראטוארען יידישע קינדער; דאס האבען זיי אונטערגעטריבען די בונדיסטישער בירזשע. אין אן אנדער צייט וואלט איך איך סצענע ניט דורכגעלאזען שווייגענדיג: געוויס וואלט איך, ווי מיין שטייגער,

אויף קיין זאַך ניט געקוקט, און וואָלט תיקף פּראָטעסטירט. דעם מאָל בין איך צו פֿאַרבייגעלאָפֿען אײַנגאַנצען אַרײַנגעטאָן נאָר אין דעם איין פֿאַרלאַנג אויס־צוזוכען קאַנטאָרען און דורכצושמועסען זיך מיט אים. כ׳האָב מיר אָבער אויף קאַנטאָרען ניט געקענט דערוואַרטען, און בין אַן אויפֿגערעגטער אַוועק אויף מיין קוואַרטיר. כ׳האָב יענע נאַכט מיט אַן אויג ניט צוגעטאָן. ס׳האָבען זיך מיר געפּלאָנטערט אין מח די שיינע, וואונדערליכע מעשיות וועגען דער וועלט און יענער וועלט, צוזאַמענגעפּלאָכטען מיט פֿאַרצייטיגע בילדער פֿון דערהיים. אויף מאָרגען פֿאַרטאָג בין איך אָפּגעפֿאָרען קיין פּעטערבורג, אָבער שוין ניט דער זעלביגער. אין צענטער פֿון אַלע מיינע מחשבות האָט זיך אַוועקגעשטעלט די היים, און ווי איר זעט בין איך פֿאַרבליבען ביי דער היים...

— און פֿאַר דעם אַלץ — האָט אַנ—סקי פֿאַרענדיגט — האָב איך צו פֿאַרדאַנקען באָר אייער ווילנע, און דעריבער איז זי מיר אַזוי נאָענט און טייער געוואָרען.

כ׳האָב מיר דאַן אָפּגערופֿען:

— און איך, און אפשר אויך נאָך אַנדערע צו מיר, האָב תמיד גערעכענט, אַז אויף אייך האָבען געווירקט די יידישע שחיטות פֿון די פֿרייע טעג?

אויף דעם האָט מיר אַנ—סקי געענטפֿערט:

— האָט איר געלעבט אין טעות. די פּאָגראָמען האָבען אויף מיר יע געמאַכט אַ רושם, אָבער ניט אין דעם זין, וואָס איר האָט געמיינט. פֿאַרשיכּורטע צאַריסטישע מיניסטאָרען האָבען אָנגערייצט אַ טאַבון וואַלד־חיות אָנצופֿאַלען אויף אומשולדיגע מענשען און צו באָדען זיך אין זייער בלוט. טאָ וואָס דאַרף זיין דערפֿון דער פּועל־יוצא? דער פּועל־יוצא דערפֿון דאַרף זיין, אַז די מענשהייט מוז אָננעמען די געהעריגע מיטלען די דאָזיגע מיניסטאָרען מיט זייער גאַנצען רעזשים עוקר מן השרש צו זיין. וואָס פֿאַר אַ סמיכות־הפּרשה האָט דאָס אָבער ספּעציעל מיט יידען און מיט יידישקייט? אָט אַזוי איז דאַמאָלסט געווען מיין לאָגיק.

— אַז איך האָלט שוין דערביי — האָט אַנ—סקי פֿאָרגעזעצט זיין געשפּרעך — וועל איך אייך נאָך עפּעס דערציילען. נאָך יענע יידישע שחיטות איז אַ טייל פֿון דער דאַמאָלסטיגער יידישער פּרעסע אָנגעפֿאַלען מיט גרויס דערביטערונג אויף מעדעמען, וועלכער זאָל זיך האָבען אויסגעדריקט אויף אַן עפֿענטליכער פֿאַרזאַמלונג, אַז „דאָס יידישע בלוט איז בוימאייל אויף די רעדער פֿון דער רעוואָלוציע". אין פּריוואַטע שמועסען האָב איך דאַן מעדעמען גאַנץ הייס פֿאַר־טיידיגט. איך האָב געפֿרעגט: מיט וואָס האָט מעדעם אַזוי „חוטא בעגל" געווען ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דאָס אומזיסט יידיש בלוט וועט נאָך פֿיל שטאַרקער מאַכען די רוסישע רעוואָלוציע.

לויט מיין דאָזיגען געשפּרעך מיט אַנ—סקין לאָזט זיך לייכט מערקען די צייט, אין וועלכער ס׳האָט זיך ביי אים אָנגעהויבען דער פּראָצעס פֿון זיין אינעווייניגסטער איבערקערעניש.

דער ערשטער עטאַפּ אויף אַנ—סקיס צוריקקער „אהיים" איז געווען, ווי

עס ווייזט אויס, זיין אָנהויבען צו שרייבען יידיש. א גרויסע ווירקונג זאָל, ווי מ'זאָגט, אויף אים האָבען געהאַט די ספּערע פון „פריינד", אין וועלכען ס'האָט נאָך פריהער פאַר אים געאַרבעט אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען זיין חבר זשיטלאָווסקי. דער יידישער לשון האָט אים צוריק אריינגעצויגען אין יידישען לעבען.

פון דאַמאָלסט אָן איז אַנ—סקי געגאַנגען צו יידען און צו יידישקייט ממש מיט גיגאַנטישע טריט, ווי ער וואָלט עפּעס מיט איין מאָל געוואָלט אייניאָגען דאָס, וואָס ער האָט ביז אַהער דורכגעלאָזען. אַלץ וואָס יידיש, און ניט בלויז פון היינט, נאָר אויך פון אמאָל, איז אים געוואָרען ליב און טייער. ס'האָט זיך אין אים דערוועקט דער ברענענדיגער ליאָזנער חסיד, וואָס זוכט תמיד תקון פאַר זיין זינדיגער נשמה... זינדיג האָט זיך אַנ—סקי געפילט, ניט יוצא פאַר זיין פאָלק, פאַר זיינע ברידער, און האָט זיך גענומען עס מתקן צו זיין דורך נאַציאָנאַלער טעטיגקייט אויף די פאַרשיידענסטע געביטען. וואו נאָר א יידישער כלל-טוער, וואו נאָר א יידישע אונטערנעמונג פון גרויסען מאַסשטאַב, וואָס פאָדערט התלהבות, טיפע איבערגעבענקייט, מסירת-נפש — דאָרט האָט מען געקאָנט זען אַנ—סקין. וואו נאָר א נאַציאָנאַל-געזעלשאַפטליכער עסקן, אויף וועלכען געביט עס זאָל ניט זיין, איז אַנ—סקי באַלד זיין חבר געוואָרען, זיין מיטברודער. דער רעוואָלוציאָנערער קעמפער איז געוואָרען א הייסער קעמפער פאַר אַלץ, וואָס ס'איז יידיש איצט און פאַר אַלץ, וואָס ס'האָט זיך אויפבאַוואַרט פון יידיש און אויף יידיש אין די קולטורעלע אוצרות פונם יידישען פאָלק. דאָס יידישע פאָלקסטום אין זיינע פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען האָט אַנ—סקין באַגייסטערט און די דאָזיגע באַגייסטערונג איז זיין לעבענס-אינהאַלט געוואָרען.

איך וועל פאַרענדיגען מיין אַרטיקעל וועגען אַנ—סקין מיט א פּאָר קליינע, אָבער גאַנץ כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדען פון מיינע ערינערונגען.

אז כ'בין אריין צו אַנ—סקין אָקאָרשט נאָר, וואָס ער איז דאָס לעצטע מאָל געקומען קיין ווילנע, האָט ער מיר געבעטען כ'זאָל אים רעקאָמענדירען א טיכטיגען לערער צו לערנען מיט אים העברעאיש.

דערביי האָט ער געזאָגט:

— אַביסעל פאַרשטיי איך אין העברעאיש; איך וואָלט אָבער געוואָלט אויף אזוי פיל פאַרפולקומען זיך אין דער שפּראַך, אז איך זאָל אליין זיין אימשטאַנד צו איבערזעצען מיינע ווערק אין העברעאיש.

ריידענדיק, האָט אַנ—סקי ארויסגענומען א גרויסען האַלבען בויגען פּאַפּיר און האָט מיר געוויזען, זאָגענדיג דערביי:

— אָט זעט, קיין גאַנץ גרויסער עם-הארץ בין איך ניט.

דאָס, וואָס אַנ—סקי האָט מיר געוויזען, איז געווען אָן אָנהויב פון זיינער א רוסישער ערציילונג, וועלכע ער האָט אליין געפּרובט איבערזעצען אין העברעאיש.

כ'האָב א קוק געטאָן און בין נשתומם געוואָרען: ס'כאַפּען זיך אפילו דורך אָרטאָגראַפישע פעלער, אָבער די עצם אויסדריקען און די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון די זאַצען זיינען עכט העברעאישע. איך זע, אז אַנ—סקין פעלט גאָר ניט

קיין סך צו קענען שרייבען העברעאיש און האָב אים געזאָגט, אַז לויט מיין מיינונג, דאַרף ער גאָר קיין לערער ניט, גענוג וועט פאַר אים זיין נעענטער באַקאַנט צו ווערען מיט די העברעאישע קלאַסיקער.

דאָ האָט מיר אַנ—סקי פאַרגעלייענט מיט אַ באַזונדערע התפעלות אַ גאַנצען פּאַניגיריק דער העברעאישער שפּראַך און איר ליטעראַטור.

— סטייטש, ניט וועלען לערנען קיין העברעאיש? סטייטש, ניט קענען אונזער שפּראַך? און וואָס נאָך פאַר אַ שפּראַך? אַ בלומענשפּראַך! די שפּראַך פון אונזערע קולטורעלע אוצרות! און וואָס נאָך פאַר אַ ליטעראַטור? אַ סך ביאַליקס האָט איר ביי לייטען?

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

איז אַנ—סקי געווען אַ העברעאיסט?

— ניין!

אין אַנ—סקי געווען אַ יידישיסט?

— ניין!

אַנ—סקי איז געווען אַן אָנהייגער פון יעדער שפּראַך, אין וועלכער יידען האָבען באַרייכערט די יידישע קולטור.

בעת ס'האָט זיך געגריינדעט אונזער ערשטער ליטעראַטען-און זשורנאַליסטען-פאַראיין, איז אַנ—סקי געווען כמעט דער איינציגער, וועלכער האָט פאָרגעלייגט ריינצונעמען פאַר חברים אויך די, וואָס שרייבען אויף פרעמדע שפּראַכען, נאָר וועגען יידישע ענינים.

איז אַנ—סקי געווען אַ מענש פון הפכים? פון געגענזאַצען? און אפשר גאָר פון קאַפּריזען?

— ניין!

אַנ—סקי איז געווען אַ הייסער, ברענענדיגער ייד, מיט אַ גרויס יידיש האַרץ, וואָס האָט געשטרוימט פאַרערונג און ליבע צו אַלץ, וואָס עס פליסט אַרויס פון יידישען קוואַל.

און אַנ—סקיס יידיש האַרץ האָט זיך מאַגנעטיש געצויגען צו נאָך אַזעלכע הערצער. ווייניג האָט ער זיי אָבער געפונען. אין פּרץ׳ן האָט ער פון דערווייטענס דערפילט דעם ערשטען. געקומען צו פּרצ׳ן קיין וואַרשע, האָט ער זיך דאָרטען באַגעגענט מיטן צווייטען.

זיינען די דריי חברים געוואָרען. האָבען די דריי באַשטראַלט מיט דעם ליכט פון זייערע נשמות די יידישע סביבה.

די דרייקייט האָט זיך ניט לאַנג געהאַלטען. דער טויט האָט פון איר אויסגעריסען איין רינגעלע, און דערנאָך דעם צווייטען.

אַנ—סקי איז געווען דער לעצטער פון די דריי.

ש. ל. ציטראָן.

# ש. אנ—סקי.

(ז כ ר ו נ ו ת).

איך האָב געקענט ש. אנ—סקין אַ היבשע ביסעל יאָרען און איך בין באַקאַנט געוואָרען מיט אַנ—סקין אייגענטליך גאָר ניט לאַנג.

אין משך פון די לעצטע 12 יאָר פלעג איך זיך מיט אנ—סקין פון צייט צו צייט באַגעגענען אין פּעטערבורג און אין ווילנע. אָבער אונזערע באַגעגענישען האָבען כמעט שטענדיג, ביז פאַר צוויי יאָרען, געהאַט אַ צופעליגען כאַראַקטער. מיר פלעגען זיך באַגעגענען ביי באַקאַנטע פריינד, פלעגען זיך ביידע באַטייליגען אינאיינעם מיט אַנדערע אין רייד, אין קליינע זיצונגען וכדומה. מיר זאָלען אַ לייגגערע צייט פּלייבען אינאיינעם אָדער מיר זאָלען קענען פירען צווישען זיך אינטימע רייד האָט ביז פאַר צוויי יאָרען כמעט ניט פּאַסירט.

מער פאַר אַלץ האָט זיך מיר געוואָרפען אין אויג אנ—סקיס גוטסקייט, וועלכע פלעגט זיך אַזוי שיין אָפּשפּיגלען אין זיינע טיפע, קלוגע אויגען און אין זיין פיינעם שמייכעל. ווייטער פלעגט מיך ציען צו אנ—סקין זיינע תמימות, זיינע קריסטאַלענע ריינקייט. אויב מען זאָל מעסטען דעם כלל-טוער מיט דער מאָס פון מסירת-נפשדיגער איבערגעבענקייט צו די כלל-זאַכען, דאַן מוז מען אנ—סקין אָנערקענען פאַר אַ כלל-טוער פון זעהר אַ הויכער מדרגה.

ניט ווייניג סימפּאַטיש איז פאַר מיר שטענדיג געווען אנ—סקיס כאַראַקטער פון אַ ליטעראַרישען נע-ונדניק, אָדער פון אַ ליטעראַרישער באָהעמע.

אנ—סקי האָט געהאַט אַ שיינעם כח הדבור. פלעגט ער ריידען וועגען אידען, וואָס האָבען אים נאָענט באַרירט, פלעגט ער זיך גרינג באַלעבען, פלעגט זיך ניט זעלטען, פּאַלעמיזירענדיג, פאַרשאַרפען, פלעגט זיך „אָנצינדען" און אַרויס-הייזען די מעלות און דעם טעמפּעראַמענט פון אַן אַלטען רעוואָלוציאָנער...

דאָס אַלץ האָט דער עיקר גורם געווען, אַז אנ—סקי איז מיר געווען שטענדיג סימפּאַטיש און אַז באַגעגענען זיך מיט אים פלעג איך זיך מיט פרייד.

ווי געזאָגט, אייגענטליך באַקאַנט מיט אנ-סקי און שטאַרק באַפריינדעט געוואָרען מיט אים בין איך ניט לאַנג, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, בעת זיין לעצטען באַזוך אין ווילנע.

סוף נאָוועמבער אָדער אָנהויב דעצעמבער 1918 האָב איך זיך מיט אנ—סקין צוריקגעקערט אַהיים דורך די פּוסטע און האַלב-פינסטערע ווילנער גאַסען, שפּעט צו נאַכט פון אַ זיצונג, אויף וועלכער מיר האָבען ביידע פאַרבראַכט דעם גאַנצען אָווענד. די זיצונג איז געווען אַ גרינדונגס-זיצונג פון דעם ווילנער ליטע-ראַטען און זשורנאַליסטען-פאַראיין, וועלכען אנ—סקי האָט געשאַפען אין ווילנע און איז פאָרגעקומען אין דער וואוינונג פון י. האָזענבוים.

מיר האָבען גערעדט פריער וועגען פאַרשיידענע זאַכען. מיט אַמאָל האָט זיך אנ—סקי אָקער געטאָן צו מיר און געזאָגט: „ד"ר! איך וויל זיך מיט אייך

ישב זיין העגען זעהר א וויכטיגען ענין; זאָל איך קומען צו אייך, אָדער... מיר קענען אפשר די זאַך גלייך באַטראַכטען?"

—„פאַר וואָס ניט גלייך?" האָב איך געענטפערט.

דאָ האָט מיר אַנ—סקי דערציילט, אז די באָלשעוויקעס האָבען זיך באַנומען צו אים זעהר פיינדליך און, — אַז ער האָט מורא זיי זאָלען אים, נאָך זייער פאַרנעמען ווילנע, וועלכע מען האָט דאַמאָלסט דערוואַרט, ניט אַריינלאָזען. ווי מיינט איר, האָט ער מוסיף געווען, זאָל איך אפשר אָפּציִען?

איך האָב אים דערויף אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, אַז ער איז דאָך מיט ווילנע אייגענטליך ניט אזוי פאַרבונדען, אַז ער זאָל ניט קענען אוועקפאָרען פון דאַנען. — „וויבאַלד", האָב איך געזאָגט, „איר פילט זיך דאָ ניט זיכער, טאָ פאַרוואָס זאָלט איר ניט אוועקפאָרען פון דאַנען? איבעריגעס פאַרשטיי איך ניט גוט, וואָס די באָלשעוויקעס קענען האָבען צו אייך!" אַנ—סקי האָט דערויף געענטפערט מיט אַן אומעטיגען קול: „איר קענט זיי ניט..."

„און איר בלייבט אין ווילנע?" האָט ער מיך געפרעגט, איך וואָלט אייך ניט געראָט!

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בלייב.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט מיר אַנ—סקי געזאָגט: „איר ווייסט, איך האָב חרטה געקראָגען, איך בלייב אין ווילנע: עס האָט מיר דערעסען דער נע־ונד זיין, דאָס אייביגע אַרומשלעפּען זיך; איך בין דעם מאָל מיט ווילנע זעהר צופרידען..."

באַלד נאָכדעם האָבען די באָלשעוויקעס פאַרנומען ווילנע און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער מיך, בירזשישקאָן און יאַנולאַיטיסן, אַלס געוועזענע ליטווישע מיניסטאָרען, אַרעסטירט און אוועקגעשטעלט פאַר דעם „מיליטער־רעוואָלוציאָנערען" בית־דין, וועלכער האָט אונז באַפרייט. אויף מאָרגען באַגעגענט מיך אַנ—סקי אויפן גאַס, לויפט צו צו מיר, כאַפּט מיין רעכטע האַנט מיט זיינע ביידע הענט און מיט אַ פּנים, וואָס האָט געשטראַלט פון פרייד, מיט אַ באַוועגטען קול זאָגט ער צו מיר: „איך בין אזוי צופרידען, וואָס איך זע אייך אזוי צופרידען! נאָך דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין רוסלאַנד, בין איך געווען זיכער, אַז זיי וועלען אייך דערשיסען"... מען האָט באַדאַרפט זען זיין פּנים און הערען זיינע רייד, כּדי צו פאַרשטיין, ווי טיף אים האָט געקענט באַרירען אַ פרעמדער עגמת־נפש...

פון דעם טאָג אָן זיינען מיר געוואָרן מיט אַנ—סקין נאָהענטע פריינד...

אין דער דאָזיגער צייט איז אַנ—סקי געוואָרען דער אמתער ספּיריטוס רעקטאָר פון דער ווילנער קולטורעלער טועריי, וואו ער האָט אַרויסגעוויזען אי זיין אָרגאַניזאַטאָרישען טאַלאַנט, אי זיין זעלטענע פּילזייטיקייט: מען טאָר דערביי ניט פאַרגעסען, אַז אַנ—סקי איז שוין דעמאָלט געווען שווער קראַנק: אויף דעם יסוד פון זיין פּאָדאַגרע און צוקער־קרייִנק האָט זיך ביי אים אַנטוויקעלט אַ שווערע אַרטעריאָ־סקלעראָזע מיט אַנפאַלען פון האַרץ־זשאַבע. אַנ—סקי האָט געפילט דעם טויט גאָר נאָענט לעבען

זיך, נאָר ווי אַלע שווער־קראַנקע מענשען, האָט ער זיך מיט אַלע כּוחות געכאַפּט פאַר דער האָפענונג, וועלכע מיר, דאָקטוירים, פאַרשטייענדיג זיין פּסיכאָלאָגיע, פלעגען אים אַזוי גערן און אַזוי אָפט געבען...

אנ—סקי האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע זעלטענע יידען, וועלכע האָבען איבערגעלעבט די שווערסטע תקופה פון דעם יידישען גלות אין רוסלאַנד, די לעצטע 40 יאָר, און האָבען דאָך ניט פאַרגאַלט זייער נשמה, ניט פאַרביזט זייער כאַראַקטער; פאַרקערט, ער האָט עפּעס, אַזוי ווי על פּי נס, דערטראָגען ביז צום קבר א זעלטענע זאַנפטמוטיגקייט, א נחת רוח, פונקט ווי ער וואָלט גאָר ניט געווען די גאַנצע צייט געריצט, געפּייניגט און געמאַטערט...

מיר האָבען גערעדט מיט אנ—סקין אַמאָל א בין השמשות וועגען רעליגיע. איך האָב ניט בדעה דאָ איבערצוגעבען אונזערע לאַנגע און וואַרימע רייד. נאָר צום סוף האָט אנ—סקי געזאָגט, אַז ער קען ניט פאַרשטיין, ווי אין געוויסע קרייזען קען מען מיינען, אַז די רעליגיע און דער סאָציאַליזם זיינען סותר איינע דעם אַנדערען!... איך האָב דערציילט אנ—סקין, אַז אין דייטשלאַנד האָב איך ניט ווייניג באַקאַנטע און אפילו פריינד צווישען די יידישע אומאָפּהייגיגע סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען ניט נאָר טיפע מאמינים, נאָר אפילו אָרטאָדאָקסישע יידען!... דערויף האָט אנ—סקי, נאָך א קורצען שווייגען, געזאָגט: „איך פאַרשטיי זיי זעהר גוט!“

אנ—סקי איז מיר געווען ליב חוץ אַלע זאַכען נאָך צוליב זיין אומפּאַרטייאיש־קייט. איך האָב געפרעגט אנ—סקין: „ווער זייט איר איצטער אין פּאָליטישער באַציאונג?“

„דורכאויס אומפּאַרטייאיש! איך באַגעס זיך מיט דעם גרעסטען יראת־הכּבוד צו דעם שטיקעלע אמת, וועלכען איטליכע פּאָליטישע פּאַרטיע האָט אין זיך און באַדויער זעהר דעם פּאַרטייאישען פאַנאַטיזם, וועלכער מיינט, אַז נאָר ער איז דער אמתער נביא...“

א גרויער, א טרויעריגער פרימאָרגען פון סוף אַפּריל 1919. די ווילנער גאַסען זיינען פאַרלאָזען; די קראָמען געשלאָסען. יידען זעהען זיך אין די גאַסען זעהר ווייניג. פיל יידישע בלוט און טרערען זיינען ניט לאַנג דאָ פאַרגאָסען געוואָרען. הפקר איז נאָך געווען דאָ דער יידישער לעבען און דאָס יידישע האָב און גוטס... איך האָב געהאַט א סך „אַרבעט“... אין א געסעל ניט ווייט פון ווילנער גאַס באַגעגענט מיך אנ—סקי אין באַגלייטונג פון א פּאָר פריינד; מיר האָבען זיך די גאַנצע וואָך ניט געקענט זען... ער דריקט מיר די האַנט; א טרויער ליגט אויף זיין חשובען פּנים; אין די אויגען שטייען טרערען; ער קושט זיך מיט מיר. מיר קוקען איינער דעם אַנדערען טיף אַריין אין די אויגען און טוען אָן אויף זיך א כּוח, כּדי ניט פאַרנאַנדערוויינען זיך אויפען קול... ער דריקט לאַנג מיין האַנט... „איערע נביאות זיינען מקוים געוואָרען!“ זאָגט ער מיר שטיל מיט א ציטערדיגען קול...

ד״ר יעקב וויגאָדסקי.

# ש. אנ—סקי.

(ביאגראפישע נאטיצען).

שלמה-זלמן 1) בר׳ אהרן הכהן ראפאפארט (אזוי האט זיך אנ—סקי אונטערגעשריבען אויף זיין צוואה) איז געבוירען געווארען אין יאר 1863 אין וויטעבסק אין א פרומער פאמיליע, וואס האט געשטאמט פון גרויסען יחוס. די סביבה, אין וועלכער דער קומענדיגער שריפט-שטעלער האט פארבראכט זיין קינדהייט, האט אונז א ביסעל געשילדערט זיין בן-עיר, דער „פריינד און חבר פון גאנצען לעבען“ (לויט דער ווידמונג אין „אשמראי“), ד״ר חיים זשיטלאווסקי, וועלכער איז אויף 2 יאר יינגער פון אנ—סקין. דאס איז געווען א ריין-יידישע סביבה, וואס האט געמאכט דעם איינדרוק פון א יידישען לאנד; אזוי ווייניק האט זיך אין לעבען גע-שפירט דער גלות אין דער דאזיגער געגענט, אין ר י י ס ן, אין די זעכציגער און זיבעציגער יארען פון דעם פאריגען יארהונדערט. אויב אבער מיר קענען פון זשיטלאווסקיס זכרונות וועגען וויטעבסק אננעמען, אז קיין שום זאך האט דעם יינגעל ראפאפארט ניט געגעבען צו פילען דעם ספעציפיש-נאציאנאלען יאך, ווייסען מיר ניט, און וואס פאר א מאטעריעלע פארהעלטענישען איז אויסגעקומען אנ—סקין אפצולעבען זיינע קינדערשע און יינגלשע יארען. פון די פארעפענטליכטע מאטעריאלען, וואס איך האב ביז אהער געהאט די מעגליכקייט אויסצוניצען, און פון מיינע פערזענלעכע שמועסען מיט אנ—סקין קען נאר פעסטגעשטעלט ווערען, אז ער האט באקומען אן עכט יידישע דערציאונג אין חדר און בית-המדרש; אז א באזונדערס גרויסע השפעה האט אויף אים געהאט זיין מוטער, וועלכע האט שפעטער פיגורירט אין זיינע יידיש-רוסישע דערציילונגען אלס טיפ פון אן אמת יידישער פרוי 2); אז ער איז געוואקסען אין אן אטמאספערע, וואס איז דורך און דורך געווען אנגעזאפט מיט דעם גייסט פון דער אלטער יידישקייט, דער טראדי-ציאנעלער און פאלקסטימליכער; אז שוין אין די פריע יארען פון זיין קינדהייט האט ער געהאט די מעגליכקייט זיך צו באקענען מיט דער רייכער וועלט פון יידישען פאלקלאר, מיט יידישע פאלקסלידער, פאלקסמעשיות, שפריכווערטער, גלויבונגען א. אז. וו.

דער גייסט פון דער צייט האט שוין אין יענע יארען שטארק זיך געלאזט פילען אין ליטע און רייסן. די אלטע טראדיציאנעלע יסודות פון דעם יידישען לעבען האבען זיך שוין גענומען וואקלען אונטער דער ווירקונג פון דער גייסטיגער רעוואלוציע אונזערער—דער השכלה-באוועגונג. און אויך דער יונגער ראפאפארט ווערט פארכאפט פון דעם דאזיגען צייט-גייסט.

איך יאר 1880 איז ער שוין, ווי ער דערציילט אונז אין זיינע זכרונות 3), „ארפ פון וועג“, אריינגעטאן זיך אין „ספרים חיצונים“ און געווארען א פארקאכטער משכיל. שוין דאן איז ער געווען אונטער דער ווירקונג פון ר׳ יצחק-בער לעווינזאנס „זרבבל“, פון מאפוס און פרץ סמאלענסקינס ראמאנען, פון „השחר“, אבער דעם שטארקסטען רושם האט אויף אים געמאכט „חטאת נעורים“—דאס יוגענטווערק פון משה-לייב ליליענבלום, דער דאזיגער ווידוי פון אן אויפ-גערודערטער נשמה, וואס זוכט ליידענשאפטליך דעם אמת און דערוועגט זיך אפילו אויף ספקות.

---

1) אין איינעם פון זיינע פערסאנאלע דאקומענטען איז ער פארשריבען מיטן נאמען שמעון. דערמיט דערקלערט זיך אויך זיין רוסישער נאמען סעמיאן אקימאוויטש.

2) דעם אנדענק פון זיין מוטער איז געווידמעט זיין ערשטער באנד „דערציילונגען“ אין רוסיש (1905); אויך זיין פסעוודאנים אנ—סקי שטאמט פון זיין מוטערס נאמען ח נ ה (א נ נ א); דער מקף אין אנ—סקי (אנשטאט אנסקי) איז א טעות פון זעצער, וואס האט דעם צוק פון רוסישען H אנגענומען פאר א באזונדער שטריכעל.

3) זע זיינע „גרעכי מאלאדאסטי אי גרעכי סטאראסטי“ אין וועכענטליכען זשורנאל „יעווריייסקי מיר“ 1910, נומ. 10, און דאס אייגענע א ביסעל אנדערש אין זיין „חטאת נעורים“, זאמעלבוך „ליטע“, II, ווילנע, 1919.

אין דער עקסיסטענץ פון גאט, דאס בוך, וואס האט געהאט אזא מאגישע ווירקונג אויף דער יוגענט פון יענער צייט.

„מיטן איבערלייענען „חטאת נעורים״—דערציילט אנ–סקי—האט זיך ענדגילטיג פארענדיגט די רעליגיעזע איבערקערעניש, וואס איז פארגעקומען אין מיין נשמה, זיינען פארשוואונדען אלע ספקות און וואקלעניש... איך בין געווארן „א פארברענטער אפיקורס״ און מיט דער לײדענשאפטליכקייט פון א גר האב איך זיך גענומען פרײדיגען די „נייע אמונה״...

און שוין דאן ווייזט זיך ארויס איינער פון די גרונדשטריכען פון אנ–סקיס פערזענליכקייט—ניט צו בלייבען ביי ווערטער און זוכען צו פארקערפערען זיי אין מעשים. אין גייסט פון די נייע אידעען, וואס האבען אים באהערשט, נעמט ער זיך צו דער רוסישער שפראך, וואס ביז 17 יאר האט ער ניט געקענט אפילו איר אלף-בית, און לערענט זיך אויף א מלאכה—צוערשט שמידעריי און דערנאך איינבינדעריי.

אין אנהייב פון יאר 1881 מאכט ער דעם ערשטען זעלבשטענדיגען שריט אין זיין לעבען: ער פארלאזט זיין געבוירענשטאט און פארט אפ קיין ליאזנע אלס א פריוואטער לערער אויף שטונדען. זיין ציל איז אבער ניט לערעריי, נאר פארשפרייטען די נייע אפיקורסישע אידעען צווישען די דארטיגע יונגעלייט, עפענען זיי די אויגען. אבער. אין דער אמאליגער רעזידענץ פון דעם „אלטען רבי״, רב שניאור-זלמן, איז מען גיך אויפמערקזאם געווארען אויף דעם „שרייבער״, וואס איז געקומען ארפפירען פון וועג די בחורים פון שטעטעל, און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיינע באגעגענישען מיט די בחורים פלעגען פארקומען שטריינג קאנספיראטיוו, איז עס געקומען דערצו, אז דער רב פון שטעטעל האט אויף אן אסיפה פארבעלייגט אים מחרים צו זיין. ניט קענענדיג מער פארבלייבען אין ליאזנע, האט דער 18 יאריקער ראפאפארט פארלאזען דאס שטעטעל און איז אוועקגעפארען קיין דווינסק, וואו ער האט זיך באשעפטיגט מיט איינבינדעריי, פארנעמענדיג זיך צוגלייך מיט זעלבסטבילדונג. ווייזט אויס, אז צו יענער צייט איז ער שוין געווען אונטער דער שטארקער השפעה פון דער רוסישער ליטעראטור, באזונדערס פון דער ריכטונג אירער, וואס איז באקאנט אונטערען נאמען „נארא-דניטשעסטווא״, ווי דאס לאזט זיך שוין פילען אין זיין ערשטען ווערק „די געשיכטע פון א פאמיליע״, וואס ער האט צו יענער צייט אנגעשריבען.

א נייגונג צו דער פען האט אנ–סקי ארויסגעוויזען נאך יינגעלווייז. אין די דערמאנטע זכרונות וועגען זיין לעבען אין ליאזנע דערציילט ער אונז, אז ער האט דאן געפירט א טאגבוך אין יידיש, וואו ער פלעגט פארשרייבען זיינע איינדרוקען, שילדערען אלערליי סצענקעס, זיינע תלמידים און זייערע עלטערען א. ד. גל. 4). אויך „די געשיכטע פון א פאמיליע״ האט ער געשריבען אין יידיש, אבער ער האט ניט געפונען פאר איר קיין פארלעגער. דאס איז געווען די צייט, ווען אין דער יידישער ליטעראטור האט געפירט די גרענדע שמ״ר און זיין חדר, און דער פארלעגער, צו וועמען דער יונגער שריפטשטעלער האט זיך געווענדעט, האט אים געראטען צו שרייבען „העכסט-אינטערעסאנטע ראמאנען״. ערשט נאך לאנגע גילגולים איז „די געשיכטע פון א פאמיליע״ אפגעדרוקט געווארען אין דעם מאנאטליכען רוסיש-יידישען זשורנאל „וואסכאד״ פארן יאר 1884 (נומ. 9—12) אין דער איבערזעצונג, וואס עס האט געמאכט איינער א לערער, וועלכער האט אגב זעהר שוואך באזעסען די רוסישע שפראך. דער נישטיגער האנאראר איז לויטן מדובר צעטיילט געווארען אויף העלפט צווישען דעם אווטאר און דעם איבערזעצער, און אנשטאט דער אונטערשריפט פון דעם מחבר איז דאס אפגעדרוקטע ערשטלינגסווערק פון אנ–סקי געחתמעט בעווארען מיט „פ ס ע ו ו ד א נ י ם״.

די „געשיכטע פון א פאמיליע״ האט אין דער יידיש-רוסישער בעלעטריסטיק, וועלכע האט שוין דאן געהאט אזעלכע פארשטייער, ווי אסיפ ראבינאוויטש, באגראוו, לעוואנדע, בן-עמי א. אנד. געמאכט א רושם. אין דעם איבערבליק איבער דער יידיש-רוסישער בעלעטריסטיק, וואס

4) א געוויסע ווירקונג אויף דער אנטוויקלונג פון זיין ליטעראַרישען טאלאנט האט געהאט זיין יוגנטפריינד ס. ל. גורעוויטש, שפעטער אן אנגעזעענער יידישער עסקן אין ריגע. אים האט אנ–סקי געווידמעט זיינע „פיאנערען״.

מ. לאזאריעוו האט פארעפנטליכט אין „וואסכאד“ (1885, נומ. 5—6) ווערט „פסעוודאנים“ געווידמעט צו די יונגע אנפאנגער בעלעטריסטען, וועלכע „מ'קען ניט אפזאגען אין אמתן טאלאנט, אין אמתן, העל צו ברענענדיגען געטליכען פונק“.

„דער יונגער שריפטשטעלער, וואס באהאלט זיך אונטערן פסעוודאנים „פסעוודאנים“— שרייבט לאזאריעוו—האט זעהר א ברייטען שוואונג פון פאנטאזיע, די פולשטענדיגסטע אביעקטיוויטעט פון דערציילען, זעלטען ריכטיג, הגם א ביסעל גראב געצייכענטע טיפען, און זיין נאוועלע וואלט געקענט פארעכענט ווערען פאר א פולקום קינסטלעריש ווערק, ווען איר וואלט ניט געשאדט עפעס א מין קריינקליכע ליידענשאפטליכקייט פון דעם אוטאר, עפעס א מין גאליג-צארענדיקער ניואנס, וואס ליגט אין דעם טאן פון דער שילדערונג אין דער גאנצער דערציילונג. און ווען דער אוטאר וואלט געהאט מער וויסן, ליטעראריש געניטשאפט און וואלט באזעסן מער טעכניק אין דער ליטעראַרישער באארבעטונג פון זיינע ווערק. די לעצטע דריי אייגענשאפטען, ד. ה. וויסען, ליטעראַרישע ערפארונג און ליטעראַרישע טעכניק, זיינען זאכען, וואס קענען דערווארבען ווערען, און זיי קענען נאך קומען מיט דער צייט, אבער פון זיין קריינקליכער ליידענשאפט-ליכקייט און גאליקייט וועט דער אוטאר פון דער „געשיכטע פון א פאמיליע“ קוים ווען-עס-איז זיך באפרייען“.

אויב אבער ה' לאזאריעוו געהערט דער פארדינסט, וואס ער האט דער ערשטער באמערקט דעם נייעם טאלאנט און האט אויך אונטערגעשטרייכט—אפשר שוין א ביסעל צו פיל—די גאענס-קייט פון „פסעוודאנימס“ דערציילונג צו די ווערק פון „רעשעטניקאוו, אוספענסקי און די איבע-ריקע רוסישע „פאלקיסטישע“ בעלעטריסטען, פון וועלכע „די געשיכטע פון א פאמיליע“ אונטער-שיידעט זיך „נאר מיט דעם אומשטאנד, ווידער טאקע א ריין צופעליגען אומשטאנד, וואס אלס סיוזשעט פאר דעם דאזיגען ווערק האט געדינט דאס לעבן דווקא פון דער יידישער מאסע און ניט פון דער קריסטליכער“,—דערפאר אבער האט אנ—סקיס ערשטער קריטיקער גאנץ פאלש אפגעשאצט דעם גרונדשטריך פון זיין קינסטלערישער פערזענליכקייט: אפילו אין דער „געשיכטע פון א פאמיליע“ איז גארניט אזוי בולט די „גאליג-צארענדיגע ליידענשאפטליכקייט“, וואס לאזאריעוו וויל דווקא אויסזוכען ביי אנ—סקין אלס אויסדרוק פון דער צעשפאלטענקייט, וואס ער האלט פאר דער כאראקטעריסטישסטער אייגענשאפט פון דער רוסיש-יידישער בעלע-טריסטיק מיט איר באהאלטענער פאלעמישער טענדענץ. און נאך א גרעסערן טעות האט געהאט לאזאריעוו מיט זיין נביאות, אז ווער ווייס, צי וועט דער אוטאר פון דער „געשיכטע פון א פאמיליע“ ווען-עס-איז פטור ווערען פון דער דאזיגער „קריינקליכער ליידענשאפטליכקייט און גאליקייט“. ווארים דווקא דער היפוך דערפון—אביעקטיוויטעט און ליבע צו די מענשען איז דאס, וואס כאראקטעריזירט אנ—סקיס שאפונג שוין אין דעם ערשטען פעריאד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט.

און אין דער רוסיש-יידישער בעלעטריסטיק, וועלכע האט ביז דאן געטראגען א טענדענ-ציעזן, ריין אפאלאגעטישען כאראקטער, שילדערענדיג בלויז די אסימילירטע „העלדען“ פון דער אינטעליגענץ, איז אנ—סקיס דעביוט ווירקליך געווען אן איבעררעשונג: צום ערשטען מאל איז דא אויפגעטראטען א שריפטשטעלער, וואס קאנצענטרירט זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט אויף דעם לעבן פון די דערנידעריגטע און באליידיגטע פאלקסמאסען, האט דערביי ניט קיין זייטיגע פניות—ניט צו שטראפען דאס פאלק פאר זיין פאנאטיזם, ניט צו פארענטפערען די יידען אין די אויגען פון דער געבילדעטער רוסישער געזעלשאפט. און די סיבה דערפון ליגט ניט נאר אין דעם פאקט, וואס אנ—סקי האט זיין „געשיכטע פון א פאמיליע“ געשריבען לכתחילה אין יידיש, ממילא אלזא פארן יידישען לעזער, פאר וועלכען די דערמאנטע טענדענצען פון די רוסיש-יידישע בעלעטריסטען האבען נאטירליך קיין שום ממשות ניט געקענט האבען, נאר אויך און אפשר דערהויפט טאקע אין דעם עצם פון אנ—סקיס קינסטלערישער פערזענליכקייט, וואס פאר איר איז טייערער ווי אלץ דער אמת פון לעבן, דער אביעקטיווער רעאליזם פון [illegible] געשילדערטען. און די דאזיגע אביעקטיוויטעט, דער דאזיגער רעאליזם איז דאס, וואס שיידט אפ אנ—סקין פון די רוסישע „נאראדניקעס“, וועלכע האבען געשטרעבט ניט נאר צו שילדערן דאס

לעבען און די ליידען פון פאלק, נאר אויך דורכגעפירט געוויסע טענדענצען וועגן דער העכערקייט פון פאלק, אריינפאלענדיג אפט אין א לאקריץ-זיסער אידעאליזאציע פון דעם פאלקסלעבען.

אריינגעקומען אין דעם גבול פון דער רוסיש-יידישער ליטעראטור, חערט אנ—סקי שוין פון דעמאלט אן ניט אויף זיין ליטערארישע טעטיקייט. ניט זעענדיג נאך אויף דער יידישער גאס די ארבעטענדיגע מאסען, וועלכע ער וויל אפגעבען זייע כוחות, ניט געפינענדיג דארט קיין שום שטרעבונג צום פאליטישען קאמף, לאזט ער זיך ארא אין די טיפענישען פון דעם רוסישען פאלקסלעבען, וואס ווערט מיט אזוי פיל ליבשאפט און פארהערליכונג געשילדערט דורך די רוסישע פאלקיסטישע שריפטשטעלער, אונטער וועמעס השפעה אנ—סקי געפינט זיך שוין צו יענער צייט. אין יאר 1883 (5 שרייבט ער נאך אן א סקיצע „די כתבים" פון דעם יידישען לעבען, וואו ער שילדערט אונז אין אן עפיזאדישער פארם דעם קאנפליקט צווישען די גייסטיגע שטרעבונגען פון דעם רוחניות-מענש און די מערקאנטילע באדערפענישען פון דער וואכעדיגער ווירקליכקייט. אבער שוין פון יענער צייט שטאמט זיין גרעסערע נאוועלע „אין שיינק", וואו ער פירט ארויס א גאנצע גאלעריע ניט-יידישע טיפען, וועלכע קומען אין שיינק אהיין פארטרינקען זייערע צרות און לייד, הגם אויך א יידישע פאמיליע ווערט נאך דא געשילדערט, א פאמיליע, וואס ציט איר חיונה פון שיינק אין א יידיש-ווייסרוסישער שטאט. אויך אין דער דאזיגער דערציילונג ווייזען זיך בולט ארויס די כאראקטעריסטישע שטריכען פון אנ—סקיס שאפונג, זיין חוש פאחן אמת, די קינסטלערישע אביעקטיוויטעט, וועלכע דערלויבט אים ניט ארויסצושטעלען די יידישע שיינקערס אין א שענערער ליכט, ווי די „געוועזענע" מענשען פון „דעק", מיט זייער אומרייניקייט און שמוץ, אבער צוגלייך אויך מיט זייערע גוטע זייטען, מיט זייער גוטהארציקייט, ליבע צום אמת און שנאה צום שקר.

אין דער פאלגענדיגער דערציילונג „אין פריצישען הויף" איז שוין די וועלט, וואס אנ—סקי שילדערט אונז, אינגאנצען א פרעמדע, ניט קיין יידישע. די ווירקונג פון דער „נארא-דנישער" ליטעראטור טרייבט אים ווי די פארשטייער פון דער דעמאלטיגער רוסישער פאלקס-טימליכער אינטעליגענץ „צו גיין אין פאלק אריין", ער לאזט זיך אוועק איבער די דערפער, וואו ער קוקט זיך צו צו דעם שווערען ביטערען לעבן פון דעם רוסישען פויער, לערענט די פויערשע קינדער לייענען, אבער אלס יידען שיקט מען אים פון דארטען ארויס.

דאן לעבט ער א היבשע צייט צווישען פויערים און ארבעטער-שאכטיארען אין יעקאטערינא-סלאווער גוב., ווי אויך צווישען די שטאטישע פראסטע אהבעטער און די אזויגערופענע „באסיא-קעס", און באקענט זיך גרינדליך מיט דעם לעבען און די השגות פון דער פשוטער רוסישער פאלקסמאסע. ער באנוגענט זיך ניט מיט דער ראלע פון א לערער פון פאלק, נאר שטרעבט צו דערנענטערען זיך צו אים, טיילענדיג מיט אים זיין ארבעט און זיינע לעבענס-באדינגונגען. דאס גיט אים די מעגליכקייט צו ווערען פאר די ארבעטער און פויערים אן אייגענער מענש. ער גיט זיך אפ מיט לייב און לעבען דער אידעע צו בילדען דאס פאלק, אויפצוקלערען אים די פארפלאנטערטע פראגען פון לעבען. צו דעם צוועק ארגאניזירט ער פארלעזונגען אין די דערפער און אויף די שאכטעס. די באציאונג פון דער אודיטאריע צו דעם וויטעבסקער יידישען יונגענמאן ווייזט זיך צום בולטסטען ארויס אין דעם פאקט, אז פאר די גאנצע 6—7 יאר, וואס די דאזיגע פארלעזונגען האבען געדויערט, האט די ארטיגע אדמיניסטראציע אפיל

5) דאס יאר איז נאטירט אין דעם אינהאלט פון דעם דערמאנטען באנד „דערציילונגען" זיינע, פון וואנען מיר נעמען אויך די דאטעס פון די ווייטערדיגע דערציילונגען, הגם מיר האבען ניט די זיכערקייט, אז זיי זאלען זיין גענוי. אזוי, למשל, לאזט זיך קוים גלויבען, אז „די געשיכטע פון א פאמיליע" (אין דעם באנד „דערציילונגען" איז זי אונטערען נאמען „שטיפ-קינדער" שטארק געענדערט, פארקירצט און מער קינסטלעריש באארבעט), וואס ווייזט שוין א גאנץ צייטיגען טאלאנט, זאל אנ—סקי האבען געשריבען אין יאר 1881, ווען ער איז ערשט ארויס פון דער טראדיציאנעל-יידישער סביבה און זיך נאך אינגאנצען געפונען אונטער דער השפעה פון דער משכילישער אפיקורסות, ווי ער דערציילט אונז אליין אין זיין „חטאת נעורים".

ניט חושד געווען, אז זיי קומען פאר, ניט אין די דערפער, ניט אויף די שאכטעס האט זיך פאר דער דאזיגער גאנצער צייט ניט געפונען קיין איינער, אפילו צווישען די, וועלכע האבען קרום געקוקט אויף אנ—סקיס פארלעזונגען, וואס זאל זיי מסרן דעם „אוריאדניק“ אדער דעם „סטאנאווא“. פארקערט, עס פלעגט זיך אמאל טרעפען, אז די פויערים און ארבעטער פלעגען האלטען פאר זייער חוב צוווארענען אים בשעת א סכנה מצד דער „גאטשאלסטווע“.

די דאזיגע פארלעזונגען, וואו אנ—סקי האט געשטרעבט מיט אלע מיטלען צו געבען דעם פאלק גופא די מעגליכקייט ארויסצוזאגען זיך פריי און אפען, האבען אים ניט נאר געגעבען א נאענטע באקאנטשאפט מיט די פארבארגענסטע ווינקעלעך פון דעם לעבען פון דעם אוקראינישען דארף און פון דעם שטאטישען ארבעטער, נאר האבען אים אויך געשאפען די מעגליכקייט אריינצודרינגען טיף אין די גייסטיגע באדערפענישען פון דעם פאלקסלעזער און אין זיין באציאונג צום געדרוקטען ווארט.

די ערפארונגען און באאבאכטונגען אין דעם פרט האבען אנ—סקין געגעבען א רייכען מאטעריאל פאר דער כאראקטעריסטיק פון דעם רוסישען פאקסלעזער און דעם דאזיגען מאטעריאל האט ער שפעטער אויסגענוצט אין א גאנצער ריי ארטיקלען אין די רוסישע זשורנאלען ווי אויך אין ספעציעלע ווערק וועגען דער דאזיגער פראגע.

אין יאר 1888 הייבט אנ—סקי אן אן אינטענסיווע קארעספאנדענץ מיט דעם בארימטען רוסישען שריפטשטעלער, דעם גרעסטען און טאלענטפולסטען פארשטייער פון דער רוסישער פאלקיסטישער בעלעטריסטיק, גליעב אוספענסקי, וואס האט בכלל אויף אים געהאט א גרויסע ווירקונג, אונטער וועלכער ער האט געשריבען א ריי זאכען פון דעם רוסישען פאלקסלעבען, ווי די שוין דערמאנטע „אין שיינק“ (1883—1886) און אין „פריצישען הויף“ (1886), די דערציילונגען „אויף נייער ערד“ (1889), „טארגעס“ (1892).

פון דער יידישער ליטעראטור איז ער שוין אינגאנצען אפגעריסען. אמת, ער האט נאך א טיפען צובונד צו דער יידישער שפראך און וואלט לויט די היינטיגע חשגות געקענט גילטען פאר א הייסען יידישיסט, אין וועלכען אומשטאנד עס האט אפשר א געוויסע ראלע געשפילט זיין חבר, חיים זשיטלאווסקי, וועלכער האט שוין אין יענע יארען זיך ארומגעטראגען מיט דער אידעע פון א פראגרעסיוו-יידישען נאציאנאליזם אויף סאציאליסטישע יסודות מיט יידיש אלס נאציאנאלע שפראך; אבער דעם באגריף יידישע ליטעראטור סימבאליזירט דאן אנ—סקי אין די ווערק פון שמר און בלאשטיין, הגם ער קען שוין אזעלכע שיינע טאלענטפולע זאכען אין יידיש, ווי מענדעלעס „קליאטשע“, לינעצקיס „דאס פוילישע יינגעל“, דינעזאנס „דער שחורצער יונגערמאנטשיק“, שלום-עליכמס „סטעמפעניו“. און ווען א צופאל ברייגגט אין יאר 1890 דעם יונגען רעוואלוציאנער קיין קיעוו און ער באזוכט דעם אויטאר פון „סטעמפעניו“, וועלכער האט שוין דאן געהאט ארויסגעגעבען זיינע עפאכעמאכענדיגע זאמעלביכער „די יידישע פאלקס-ביבליאטעק“, און דער גרויסער יידישער הומאריסט דערציילט אים וועגען זיינע ליטערארישע פלענער און לייענט אים זיין פאלעמישען ארטיקעל קעגען שמרן און זיין ריכטונג, הערט אנ—סקי זיך צו מיט פאהגעניגען און איז מסכים מיט שלום-עליכמען, אבער טיף אין הארצען—איז ער זיך מודה—האט ער פארט געהאט די איבערצייגונג, אז דא וועט שוין קיין שום זאך ניט העלפען, און שמר וועט בלייבען דער איינציגער הערשער 6) אין דער יידישער ליטעראטור.

אין יאר 1892 קומט אנ—סקי צופארען קיין פעטערבורג, וואו אוספענסקי פירט אים אריין אין דעם קרייז פון די רוסישע „נאראדניקעס“. ער גייט זיך צונויף מיט דעם באוואוסטען „נאראדנישען“ פובליציסט קריווענקא א. אנד., ווערט א מיטארבעטער אין דעם בארימטען מיכאילאווסקיס זשורנאל „רוסקאיע באגאטסטווא“, וואו ער פארעפענטליכט זיינע ערשטע „סקיצען וועגען דער פאלקס-ליטעראטור“ (1892, 7—10).

סוף 1892 פארט אנ—סקי אוועק קיין פאריז צו באקענען זיך מיט דעם לעבען פון די

6) זע אנ—סקיס זכרונות וועגען פרצן אין דעם פרץ-נומער פון דער „יידישער וועלט“, ווילנע, 1915, IV—V.

דאָרטיגע אַרבעטער. די ערשטע צוויי יאָר האָט ער דאָרט געאַרבעט אין אַ פֿאַבריק און אויך אין אײַנבינדערײַען. אין יאָר 1894 האָט אים דער באַרימטער רוסישער שריפֿטשטעלער פּ. לאַוראָוו אײַנגעלאַדן פֿאַר זײַן סעקרעטאַר, און ער איז עס געבליבן ביז לאַוראָווס טויט (1900). די נאָענטקייט צו לאַוראָוון, דעם דאָזיגן געניאַלן און אידעאַלן פֿאָרשטייער פֿון דעם רוסישן געזעלשאַפֿטלעכן געדאַנק אין XIX יאָרהונדערט, האָט, ווײַזט אויס געהאַט אַ טיפֿע ווירקונג אויף אַנ—סקין און אים נאָך שטאַרקער צוגעבונדן צו דער וועלטאַנשויאונג, פֿון וועלכער לאַוראָוו איז געווען דער באַגרינדער און אידעאָלאָג 7).

וואוינענדיג אין פּאַריז, אינטערעסירט זיך אַנ—סקי שטאַרק מיט דעם סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן אין פֿראַנקרײַך, קומט אין פּערזענלעכער באַרירונג מיט די באַדײַטענדסטע פּערזענלעכקייטן פֿון פֿראַנצויזישן ראַדיקאַלן לאַגער 8) און פּאַרעפֿענטלעכט אַ ריי אַרטיקלען וועגן די צושטאַנדן אין דער דריטער רעפּובליק און וועגן אַלגעמיינע פּאָליטיש-סאָציאַלע פֿראַגן, ווי למשל: „צו דער פֿראַגע וועגן דער באַפֿעלקערונג אין פֿראַנקרײַך" („רוסקאַיאַ מייסל", 1897, VII), „צו דעגענערירט דאָס מאָדערנע פֿראַנקרײַך?" („אָבראַזאָוואַניע", 1903, IV—V), „די פֿאָלקסצײַלונג אין פֿראַנקרײַך" („וועסטניק יעוראָפּיי", VII), „וואָס לייענט די פֿראַנצויזישע פּראָווינץ?" („רוס. באָג.", 1902, I), „עמיל זאָלאַ אַלס פֿאָלקסשרײַבער" („רוס. באָג., 1902, XI), „אַ פֿאַרגעסענער אוטאָפּיסט" (וועגן היינריך לודוויג ליאַמפּערט רוסקאַיאַ מייסל, 1903, I), „אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם אין דער געשיכטע" (רעפֿערירונג פֿון זשאָרעס אַ לעקציע „נאָוואַיאַ סלאָוואָ", 1896, IV), „צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון קאַרל מאַרקס" („רוס. מייסל", 1903. VIII), „אַן אַרבעטער-יום-טוב אין דער שווייץ" („רוס. באָג.", 1902, XI) א. אַנד.

נאָך אינמיטן די נײַנציגער יאָרן קומט אַנ—סקין אין האַנט אַרײַן דאָס זאַמעלבוך „ליטעראַטור און לעבן", וואָס פּרץ האָט צו יענער צײַט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע. פּרצעס נאָוועלע „אין קעלער-שטוב" מאַכט אויף אים אַן אומגעהייער שטאַרקן רושם; אַנ—סקי, דער פֿאַגעריסענער פֿון אַ דירעקטער באַרירונג מיט דער יידישער ליטעראַטור, איז איבעראַשט צו טרעפֿן אַזאַ עכט ליטעראַרישע (אין אייראָפּייאישן זין) זאַך אין אַן אָרימער דינינקער אויסגאַבע אין יידיש. ער דערפֿילט מיט אַמאָל, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור, אין וועלכער עס האָבן לויט זײַן פֿאָרשטעלונג דאָמינירט די שונדשמירער פֿון די „העכסט אינטערעסאַנטע" ראָמאַנען, האָבן זיך געוויזן נײַע בעלי-בתּים, און אַז זי איז אַרײַן אין דער משפּחה פֿון די אייראָפּייאישע ליטעראַטורען.

אַנ—סקי פֿאַרבינדט זיך שריפֿטלעך מיט פּרצן און שיקט אים זײַן סקיצע „די כּתבים", וועלכע ווערט אָפּגעדרוקט אין איינעם פֿון פּרצעס באַרימטע „יום-טוב-בלעטלעך" 9) — אין „עונג שבת" (1896) אונטער דער אונטערשריפֿט ש. ר אַ פּ אָ פּ אָ ר ט. דאָס איז די ערשטע זאַך, וואָס אַנ—סקי לאָזט אַליין דרוקן אויף יידיש. ער ווייס ניט, אַז אומגעפֿער אין דער צײַט האָט אַ קרײַזל פֿון ראַדיקאַלער יידישער אינטעליגענץ, צו וועלכן עס האָבן געהערט דוד פּינסקי, יצחק גוידאָ (ב. גאָרין), ליטוואַק, גאָזשאַנסקי, דער שוואָגער פֿון דעם לעצטן י. ז. קרייער 10) א. אַנד.

---

7) דעם אָנדענק פֿון זײַן טייערן לערער, חבר און פֿרײַנד איז געווידמעט אַנ—סקיס אַרטיקל אין „רוס. באָג". 1905, VIII (צו לאַוראָווס פֿינפֿטן יאָרצײַט). לאַוראָווס אַ קינסטלערישער פּאָרטרעט מיט אַן אייגנהאַנטיגער אויפֿשריפֿט האָט אויך באַצירט אַנ—סקיס צימער אין ווילנע.

8) זע, למשל, זײַנע זכרונות וועגן אַמאָליגען לעמאַנסאָ אין וואַרשעווער „מאָמענט" 1919.

9) זע אַנ—סקיס דערמאָנטע זכרונות וועגן י. ל. פּרץ, לויט וועלכע עס קומט אויס, אַז „די כּתבים" זײַנען צוגעשיקט געוואָרן פּרצן אין יידיש, אָבער אין די „בלעטלעך" שטייט: בײַ „די כּתבים" אַ צושריפֿט „איבערזעצט פֿון ל. רײַניש"—לויט וועלכער עס קומט אויס, אַז די זאַך איז צוגעשיקט געוואָרן אין רוסיש.

10) דער אמתער נאָמען פֿון בן-אריה—דעם מחבר פֿון דער אין יענער צײַט זייער פּאָפּולערער קאָסמאָגראַפֿיע אין יידיש „אַ וועלט מיט וועלטעלעך"; געווען שפּעטער אַ לערער אין

געלאזט איבערזעצען אויף יידיש די „געשיכטע פון א פאמיליע", וואס האט זיך אזוי גוט געפאסט פאר די, וועלכע האבען געוואלט עפענען די פאלקסמאסען די אויגען אויף זייער אומדערטרעגליכען לעבען, און זי ארויסגעגעבען אונטער דער רעדאקציע פון בן־אריה אונטערען נאמען „די מלחמה פארן לעבען". און פונקט ווי דער מחבר פון דעם ווערק האט ניט געוואוסט (אפילו אין א משך פון א ריי יארען נאכדעם), אז „די מלחמה פארן לעבען" איז אן איבערזעצונג פון זיין ערשטלינגווערק, אזוי האט ווייזט אויס, אויך די ווילנער ארויסגעבער ניט געהערט, אז דער אריגינאל פון דעם ווערק איז לכתחילה געשריבען אין יידיש פון ש. אנ—סקין, וועלכער איז שוין דאן געווען גענוג באקאנט אין דער ראדיקאלער רוסישער זשורנאליסטיק.

נאכדעם ווי פרץ דרוקט אפ „די כתבים", שיקט אים אנ—סקי „די געשיכטע פון א פאמיליע". פרץ זאגט אים צו דאס צו דרוקען, ער האט אבער זיין צוזאג ניט געהאלטען (אפשר דערפאר, וואס זיין פארלעגערישע ארבעט האט זיך דאן גראד אפגעהאקט) און האט אים אויך דעם מאנוסקריפט ניט צוריקגעשיקט און אים מער ניט געענטפערט אויף זיינע עטליכע בריוו. און אזוי איז עס געשען, אז דעם ערשטען ווערק פון אנ—סקי איז (עד־היום!) ניט באשערט געווען אפגעדרוקט צו ווערען אין דער אריגינאל־שפראך, אין וועלכער אנ—סקי האט עס געשריבען.

אזוי־ארום ווערט דורך פרצעס שולד ווידער איבערגעריסען די דירעקטע פארבינדונג פון אנ—סקי מיט דער יידישער ליטעראטור. אבער דאס לעבען אין פאריז ברענגט אים דאך פון צייט צו צייט ווייטע אפגעריסענע אפקלאנגען פון דעם, וואס עס גייט דאן פאר אין זיין אלטער יידישער היים. און וואס ווייטער ווערען די דאזיגע אפקלאנגען אלץ שטארקער. עס איז די צייט, ווען אויף דער יידישער גאס שפראצען מעכטיג אויף די נייע באוועגונגען אונזערע, וועלכע עס איז באשערט צו שפילען אזא ראלע אין דעם ווייטערדיגען לעבען און ווירקען פון אונזער פאלק. און גרוסען פון די דאזיגע באוועגונגען ווערען פארטראגען אויך אין דער הויפטשטאט פון פראנקרייך דורך די יידישע עמיגראנטען, די פאליטישע און די „עקאנאמישע", אזוי צו זאגען. מיט א סך פון זיי איז אנ—סקי פערזענליך באקאנט און פארבונדען, און ביסלאכווייז, ביסלאכווייז, דערנענטערט ער זיך ווידער צו דער יידישער אינטערעסען־וועלט. אויך זשיטלאווסקי, זיין חבר, וועלכער פירט אין דער שווייץ, צווישען דער יידישער שטודירענדיגער יוגענד, אזא הייסע פראפאגאנדע פאר דעם רעוואלוציאנערען יידישען נאציאנאליזם, מוז אין דעם האבען א חלק. וואָרום די דאזיגע דערנענטערונג אנ—סקיס צום יידענטום פאלט גראד אויס אין דעם לעצטען יאר פון XIX יארהונדערט, ווען ער קומט (אין יאר 1899) פון פאריז קיין בערן, וואו ער געפינט זיך שטענדיג צוזאמען מיט זיין געטרייסטען און באליבסטען פארטיי־און יוגענט־חבר. די בערנער יידישע קאלאניע, וואו דער „בונד", די יונגע פארטיי פון דעם נייעם יידישען ארבעטסמאן, האט געשפילט אזא ראלע, וועקט אויף אין דער נשמה פון דעם „נאראדניק" און ס"ר נייע סטרונעס; עס גיט אים א צי צו די יידישע ארבעטער, עס וואכען אויף אין זיין הארצען די זכרונות פון דער יוגענד. אנ—סקי, וועלכער האט אין די ניינציגער יארען געשריבען נאר וועגען אלגעמיינע פראגען אדער בילדער פון רוסישען פאלקסלעבען (ניט גערעכענט זיין ארטיקעל „ביי מ. אנטאקאלסקי אין מייסטערהויז", אין זשורנאל „נאוואיע סלאווא" פארן יאר 1896, נומ. П), קערט זיך צוריק אום צו יידישע טעמעס. ער פארעפענטליכט זיין פאפולערע דערציילונג „מענדל טערק", וואו ער שילדערט אזוי ווארהאפטיג, מיט אזא ליבען הארציגען הומאר די פארגליווערטע און פארזיכיגע אלטע יידישע וועלט מיט אירע קינדיש־נאאיווע ערליכע מענשען, מיט איר מיטעלעלטערליכער פאלקסטימליכער אנשויאונג, לויט וועלכער די יידען זיינען דער עיקר און דער מיטעלפונקט פון דעם אלעם, וואס ס'קומט פאר אונטער דער זון.

אין יאר 1900 דרוקט ער אפ אין „רוס. באג". (נומ. 6) איינע פון זיינע שענסטע דערציילונגען און לויט דער מיינונג פון א יידישען קריטיקער אפשר די בעסטע דערציילונג פון

---

דער ווילנער שטאטישער תלמוד־תורה;[*] אין דער צייט פון דער דייטשער אקופאציע געשטארבען עלענד און פארגעסען אין א קליין שטעטעל אין דער אומגעגענד פון ווילנע.

דעם יידישען לעבען אין דער גאַנצער רוסישער ליטעראַטור—„אין אַ יידישער פאַמיליע", וואו עס ווערט מיט אַן אמת קינסטלערישער קראַפט געשילדערט אַ שטיק יידישע פּלאַטעליכקייט 11).

ער אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט די יידישע ביכלאַך, וואָס האָבען אָן אָנגעגאַנגען צווישען דער יידישער רעוואָלוציאָנערער יוגענט, מיט עדעלשטיינס לידער, מיט פּינסקיס דערציילונגען, וואו עס הערט זיך דער אָפּקלאַנג פון די נייע שטימונגען אויף דער יידישער גאַס, וועלכע זיינען אַזוי ליב און נאָענט אַנ—סקין דעם רעוואָלוציאָנער. אָבער פון דער יידישער ליטעראַטור בכלל איז ער נאָך אַלץ דערווייטערט. ער רעדט רוסיש, שרייבט רוסיש און לעבט מיט דער אידעע פון דער רוסישער אויפלעבונג, פון דער רוסישער באַפרייאונג.

אָבער דאַן קומט נאָך אַ געשעהעניש, וואָס מאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף אַנ—סקין און עפנט פאַר אים פּלוצלונג אויף דעם קוואַל פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, וועלכע האָט צו יענער צייט שוין דערגרייכט אַ הויכען אויפשוואונג. און דאָס איז ווידעראַמאָל פּרץ, וועלכער האָט שוין מיט עטליכע יאָר צוריק אַזוי אָנגערעגט אַנ—סקין. דער פּאַריזער פריינד זיינער איזידאָר באַרעל 12) ברייגגט אים אַלס מתנה די יובילעע־אויסגאַבע פון פּרצעס אַלע ווערק (1901), און ביז שפּעט אין דער נאַכט לייענט אַנ—סקי מיט באַרעלן די שאַפונגען פון אונזער גרויסען דיכטער. „איך בין געווען פאַרוואונדערט, פאַרביטערט—דערציילט אַנ—סקי אין זיינע דערמאָנטע זכרונות וועגען פּרצן.—דאָ האָב איך צום ערשטען מאָל דערקענט פּרצן, פאַרשטאַנען, ווי גרויס ער איז—און ער איז מיר גלייך געוואָרען נאָענט און טייער, געוואָרען ג ײ ס ט י ג פאַר מיין אייגענעם גייסט.

און אַנ—סקי הייבט זיך ביסלעכווייז אָן אומצוקערען צו דער יידישער ליטעראַטור, פון וועלכער די אומשטענדען האָבען אים אָפּגעריסען אויף גאַנצע 20 יאָר. אין אַ מאָמענט פון אַ שטאַרקער זעלישער אויפרודערונג, אויסן באַדען פון אַן אומגליקליכער ליבע, גיסט זיך ביי אים אויס זיין יידישע איבערדיכטונג פון ניקיטינס באַקאַנטען ליד „וויריטאַ זאַסטופּאַ" („דער קבר איז פאַרטיג, דער קבר איז אָפען"...) און פון דאַמאָלסט אָן באַזוכט אים די יידישע מוזע אַלץ אָפטער און אָפטער. אויף דער פייערונג פון דעם 25־סטען נומער פון דער „אַרבעטער־שטימע", דעם דאַמאָלטיגען אומלעגאַלען צענטראַל־אָרגאַן פון „בונד", וואָס איז איינגעאָרדנעט געוואָרען אין באַרן, לייענט אַנ—סקי איבער זיין עקספּראָמט־אָנגעשריבענעם שיר „צום בונד" („אין וועלציגען ים פון מענשליכע טרערען"...), וואָס ווערט אויפגענומען פון דעם רעוואָלוציאָנערען יידישען פּראָלעטאַריאַט מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג. דאַן שרייבט ער אָן זיין ליד „די שבועה", וועלכע ווערט באַלד פּאָפּולער צווישען די ברייטסטע יידישע אַרבעטער־מאַסען אַלס די יידישע מאַרסעליעזע. און שוין דערמיט אַליין ווערט אַנ—סקי אַ יידישער פאָלקס־דיכטער, אויף וועלכען די נייע יידישע גאַס קוקט ווי אויף אירען אַן אייגענעם. און ווען אין פּעטערבורגער „פריינד" פון יאָר 1904 (נומ. 69 פון כ״ה ניסן) באַוויזט זיך דער שיר „די נאַכט" („די לופט איז קלאָר"...), אונטערגעשריבען אַ נ — ס ק י, ווערט עס באַגעגנט ניט ווי דאָס ווערק פון אַן אַנ־פאַנגער, נאָר ווי פון אַ תושב אין דער ליטעראַטור.

אָבער אַן אמתער שותף אין דער יידישער ליטעראַרישער שאַפונג ווערט אַנ—סקי ערשט מיט זיין „אַשמדאַי", וואָס ער דרוקט אין דעמאָלטיגען יאָר אָפּ אין „פריינד" (נומערן 210—263).

די דאָזיגע סאַטירישע פּאָעמע, געשריבען אין גייסט פון פאָלקס־עפּאָס, אַנטפּלעקט פאַר

11) מיר באַנוצען דאָ אַנ—סקיס באַליבט וואָרט אין יידיש פאַר [דעם] אומאיבער־זעצליכען רוסישען „בית".

12) אַ ווילנער יונגערמאַן, וועלכער האָט עמיגרירט קיין פראַנקרייך. זיין פאָטער, וואָלף באַרעל, אַ זון פון אַ רייכען און חשובען יובעליר־הענדלער אין ווילנע, ר׳ יעקב באַרעל, איז געווען אַנטאָקאָלסקיס איינציגער יוגענטפריינד, און אין דעם פּעטערבורגער מאָנאַטליכען זשורנאַל „דאָס לעבען" (1905, אויגוסט—סעפּטעמבער) האָט אַנ—סקי פאַרעפנטליכט אַנטאָקאָלסקיס יוגענד־בריוו אין יידיש צו וואָלף באַרעל, ווי אויך איינציגע פּראָזע וואָס דעם באַרעלען יידיש־רוסישען סקולפּטאָר, וואָס אים האָט איבערגעגעבען וואָלף באַרעלס שוועגערין, רחל באַרעל.

אונז ניט נאָר אַ גרויסן מייסטער פון שפּראַך, בילדער און פיינער גוטמוטיגער איראָניע, נאָר עפנט אויך פאַר אונז אַ גאַנצן אוצר פון דער יידישער פאָלקספאַנטאַזיע בנוגע אירע פאָרשטעלונגען וועגן יענער וועלט, וועגן גיהנום און גן־עדן, וועגן דער וועלט פון דער סטרא־אחרא, וועגן מלאך־המות און מלאך־הדומה א. אַז. וו.—„אַן אמתע ענציקלאָפּעדיע פון דער יידישער פאָלקס־דעמאָנאָלאָגיע, גרופּירט אין אַ סך פּלאַסטישע געמעלדער". און צוזאַמען מיט די סאָציאַל־פּאָליטישע טענדענצן, וואָס שלאָגן אונז אַנטקעגן פון דער גראַנדיעזער פּאָעמע, דערקענען מיר שוין אין אַנ—סקין דעם סימן קענער פון דעם יידישן פאָלקלאָר, וואָס סימנים דערפון איז שוין אויך צו געפינען אפילו אין זיינע ערשטע ווערק.

אומגעפער אין יענער צייט דרוקט אַנ—סקי אין רוסיש זיין סעריע דערציילונגען אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „פּיאָנערן" („די נאָוועלען „די ערשטע שוואַלב" און „די צווישנגרענעצער", „וואָסכאָד", 1904), און טרעט אויף אַלס לעבעדיגער וואַרעמהאַרציגער שילדערער פון דער עפּאָכע פון דער השכלה, פון דעם גרויסן צוזאַמענשטויס צווישן דער אַלטער טראַדיציאָנעלער יידישקייט און די שטרעמונגען פון דער נייער צייט: און די זעלביגע אָביעקטיוויטעט, די זעלבע ליבשאַפט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין באַציהונג צו דעם אַלטפרייינקישן פרומען דור, מערקען מיר אויך אין זיין שילדערונג פון די „ערשטע שוואַלבן" אונזערע, די משכילים.

דערווייל שטאַרקט זיך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד אַלץ מער און מער. אַנ—סקי וווינט אָבער אין דער שווייץ, דעם צענטער פון דער רוסישער פּאָליטישער עמיגראַציע, איז איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וועלכע שפּילט דאַן אַזאַ אויסשליסליכע ראָלע אין דער רוסישער רעוואָלוציע, איז פּערזענליך באַקאַנט און אויסגעבונדן מיט די באַדייטענדסטע פּערזענליכקייטן אירע, די טעאָרעטיקער און די פּראַקטיקער.

שטענדיג פול מיט לעבען און באַוועגונג, אַ גלענצענדער דערציילער פון מעשהלעך און וויצן, די „נשמה פון דער געזעלשאַפט", באַליבט און טיף געאַכט אפילו פון פּאַרטיי־קעגנער, באַטייליגט ער זיך אין אַלע אונטערנעמונגען פון דער קאָלאָניע, שפּילט אפילו אין די ליבהאָבער־ספּעקטאַקלען, וואָס ווערן דאָרט אָרגאַניזירט 13).

עס קומט אָן דער יאָר 1905. צוזאַמען מיט דער מעכטיג אויפגעשטיגענער כוואַליע פון דער רעוואָלוציע הייבן זיך אָן בלוטיגע יידישע פּאָגראָמען. אויף אַנ—סקין מאַכן זיי אַ שטאַרקן רושם. דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, וואָס האָט אַלעמאָל געדרעמלט אין זיין ברוסט, אַנטפלעקט זיך אַלץ אָפענער. ער הייבט זיך אָן אַלץ מער צו אינטערעסירן מיט דער נאַציאָנאַל־יידישער פּראָבלעם, און ווען גאַפּאָן, דער באַרימטער פּראַוואָסלאַווער גלח, וועלכער ווילט דאַן אין זשענעווע, רופט צונויף דורך אַנ־סקיס פאַרמיטלונג אַ קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, כדי זיך צונויפרעדן וועגן אַ נייער רעוואָלוציאָנערער אויפטרעטונג נאָך דעם דורכפאַל פון 9־טען יאַנואַר, איז אַנ—סקי דער איינציגער אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ (דער פאָרשטייער „בונד" האָט פאַרלאָזן די קאָנפערענץ צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון אַלע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס), וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרטראָג וועגן דער יידישער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע און מיט אַ פאָרשלאָג, אַז די קאָנפערענץ זאָל וועגן דעם אַרויסטראָגן אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע. און ווען דער איניציאַטאָר פון דער קאָנפערענץ גאַפּאָן איז אומגעריכט אַרויסגעטראָטן ווי אַ הייסער פאַרטיידיגער פון יידישע נאַציאָנאַלע רעכט, האָט אַנ—סקי לויט דער עצה פון דעם באַוואוסטן טעריטאָריאַליסט ד"ר יאָכעלמאַן געפּרובט איינרעדן אויף גאַפּאָנען, ער זאָל אָנשרייבן אַ בראָשור קעגן די פּאָגראָמען. גאַפּאָן זאָגט אים

---

13) זע זיינע זכרונות וועגן גאַפּאָן („אַ קריסט אַ יידישער קדוש", אין דער ווילנער „יידישער צייטונג" 1919, נום. 7), דעם רוסישן סטודענט, וועלכער איז געפאַלן בשעת דעם פּאָגראָם אין זשיטאָמיר, פאַרטיידיגענדיג די יידן פון די צעווילדעוועטע בלוטדורשטיגע פּאָגראָמשטשיקעס, און מיט וועלכן אַנ־סקי האָט געשפּילט צוזאַמען אין טשיריקאָווס פּיעסע די „יידן", אויספירענדיק די ראָלע פון לייזער דעם זייגערמאַכער.

דעם אויפגערודערטען צרות, שרייבט ער זיין גרויסע דערציילונג „אין שטראָם“ (געדרוקט, אָבער ניט פערענדיגט אין „פריינד“, 1907; אין רוסיש אונטערן נאָמען „חיינאָהאָם רוסלע־קרשיגען אין דעם מאָסקעווער רוסיש־יידישען זאמעלבוך „נאַחויאַ זאָריאַ“, 1907). אין דער דאָזיגער דערציילונג גיט ער־אונז אַ גאַנצע גאַלעריע לעבעדיג אויסגעפּאַסטע בילדער און טיפּען פון דער יידישער „פּאַרטיי־בירזשע“, וואָס האָט אין דער רעוואָלוציאָנערער צייט געבילדעט דעם ברענפּונקט פון דעם נייעם יידישען לעבען.

אַנ—סקי ווערט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו דער יידישער גאַס. וואוינענדיג אין פּעטערבורג און ניט איבעררייסענדיג זיינע באַציהונגען מיט זיינע רוסישע אידעאַישע חברים, הויבט ער אָן אַלץ מער צו פאַרקערען אין די קרייזען פון דער יידישער אינטעליגענץ אין דער רוסישער הויפּטשטאָט. די נאָהענטע באַרירונג מיט דובנאָוו, דעם גרינדער פון דער ערשטער יידישער עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פּעטערבורג, מיט ש. גינזבורג און פּ. מאַרעק, וועלכע האָבען זיך אַזוי לעבעדיק אינטערעסירט מיט דער יידישער עטנאָגראַפיע, וועקט אויף אין אַנ—סקין זיין טיף איינגעגווירענעם חוש פאַר דער יידישער פאָלקסשאַפונג, וואָס שפּורען פון דעם דאָזיגען חוש האָבען מיר שוין אין אַלע זיינע פריערדיקע יידישע און רוסיש־יידישע ווערק. ער הייבט אָן צו שטודירען די ווערק פון דעם יידישען פאָלקלאָר און אין דעם ערשטען באַנד פון די זאַמלביכער „פּערעזשיטאָיע“, („גע־לעבטעס“ — ?) פון די געזעלשאַפטליכער און קולטורעלער געשיכטע פון די יידען אין רוסלאַנד“), וואו אַנ—סקי נעמט אַ נאָענטען אַנטייל, פאַרעפנטליכט ער (אין יאָר 1908) זיין אָפּהאַנדלונג „די יידישע פאָלקסשאַפונג“. די דאָזיגע אַרבעט, די ערשטע אַרבעט אַנ—סקיס אויף דעם געביט פון יידישען פאָלקלאָר, בלייבט נאָך עד־היום דער איינציגער גרינדליכער פּרוב אויסצופאָרשען די גרונדשטריכען פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג. שוין דאָ ווייזט אַנ—סקי אַרויס זיין טיפען חוש און ברייטע בקיאות אין דעם דאָזיקן, ביז דאַן אַזוי פאַרוואָרלאָזטען ענין. דער הויפּטגעדאַנק, וואָס ער געפינט אַרויס אין די ווערק פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג, אַנאַליזירענדיק זיי און פאַרגלייבענדיק מיט דער פאָלקסשאַפונג פון די אייראָפּעאישע פעלקער, ווערט זיין ליבלינגס־אידעע, וועלכע שטימט אַזוי גוט מיט דער פיינער אידעאַלער נשמה זיינער. דאָס איז די אידעע וועגען דער העכערקייט פון דער גייסטיגער קראַפט איבער דעם גראָבען מאַטעריאַליזם, איבער דער געוואַלט און תקיפות פון די גיבורים פון פייזשען פוח.

פון דאַן אָן הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין אַנ—סקיס שאַפען. ער ווערט דער גרויסער מאַן פון דעם יידישען פאָלקלאָר, וואָס האָט אין דעם פּרט ביי אונז קיין גלייכען ניט צו זיך. ער זאַמעלט די ווערק פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג, שאַפט זיך איין די רייכסטע קאָלעקציע פון דער יידישער רומל־ליטעראַטור, וועלכע האָט אויסגענוצט די יידישע לעגענדעס און פאָלקס־מעשיות, שרייבט אַ ריי אַרטיקלען וועגען די באַזונדערע אָפּטיילונגען פון דעם יידישען פאָלקלאָר 18), וואו ער ווייזט אַרויס אַ מערקווירדיגע באַהאַווענטקייט אין דעם געדיכטען וואַלד פון דער פאָלקס־שאַפונג, דער אַלטער, ווי דער נייער, דער יידישער, ווי דער אייראָפּעאישער. ווי ווייט גרויס עס איז געווען זיין אינטערעס פאַר דער יידישער פאָלקסשאַפונג, ווייזט אָנגעבן אַזאַ פאַקט: אין זיין רעצענזיע וועגען בערענשטיינס „שפּריכווערטער, און רעדענסאַרטען“ (יעוו. מיר“, 1909, II) ברייגגט ער אויסן זכרון 14 שפּריכווערטער אויף דעם איין וואָרט „גאָט“, וועלכע זיינען דורכגעלאָזען אין בערענשטיינס קאָלעקציע.

---

18) אָט איז ניט קיין פולשטענדיגע רשימה פון די דאָזיגע אַרטיקלען: „די אָפּשפּרעכע־נישען און פאַרריידונגען פון עין־הרע, קרענק און אומגליקספאַלען צווישען די יידען אין צפון־מערב־דיגען קאַנט“ („יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ“, 1909, I); „וועגען דעם יידישען פאָלקסליד“ („יעוו. סטאַרינאַ“, 1909, III), „קינדערשע פאָלקסלידער“ („יעוו. סט.“, 1910), „די לעגענדעס וועגען מטיסלאַווער פּראָצעס“ (פּערעזשיטאָיע, ב. II), אַ ריי רעצענזיעס וועגען די ערשיינונגען פון דער יידישער פאָלקלאָריסטישער ליטעראַטור, אַ גרעסערע אַרבעט „די בלוט־בלבולים אין דער יידישער פאָלקס־שאַפונג“ („רוס. באָג.“, 1912, I) א. אַנד. אַ קורצען אויסצוג פון זיין ערשטער אַרבעט וועגען דער

ער נעמט אן אקטיוון אנטייל אין דער „יידישער ליטעראריש־דראמאטישער" געזעלשאפט, וואס האט זיך אין יאר 1908 געגריינדעט אין פעטערבורג, זיך פארצווייגט מיט אירע אפטיילונגען איבער גאנץ רוסלאנד און אין די יארען פון דער רעאקציע געשפילט אזא גרויסע ראלע, אויפהאלטענדיג און וועקענדיג דעם קולטור־חוש אויף דער יידישער גאס און דערנענטערענדיג די יידישע אינטעליגענץ צו די פאלקסמאסען.

אין שליחות פון דער דאזיגער געזעלשאפט פארט א—סקי ארום איבער די שטעט און שטעטלאך פון תחום און אפילו מחוץ דעם תחום (מאסקווע, ריגע א. אנד.), האלט רעפעראטען וועגען דער יידישער ליטעראטור, וועגען דער שפראכפראגע, וועגען דער יידישער פאלקסשאפונג. די דאזיגע נסיעות איבערן תחום גיבען אים אויך א רייכען מאטעריאל פאר באאבאכטונגען אויף דעם געביט פון דעם קולטור־רעלען אויפשטייג ביי די יידישע פאלקסמאסען. זיינע איינדרוקען פארעפענטליכט ער אין „בילדער פון דער פראווינץ" (אין וועכענטליכען זשורנאל „יעוור. אבאזרעניע");

אפגעגעבען די בעסטע יארען פון זיין לעבען און די שענסטע כוחות פון זיין פערזענליכקייט דער רוסישער שפראך, קען ער ניט אננעמען דעם גרונד־כלל פון די מאדערנע נאציאנאליסטען, וועלכע ווילען דורכפירען די סובערעניטעט און אליינהערשאפט פון דער יידישער שפראך אויף אלע געביטען פון דעם יידישען לעבען און שאפען. ער איז נאך אונטער דער השפעה פון דער גרויסער רוסישער קולטור, און וואוינענדיג אין פעטערבורג, צווישען דער רוסיפיצירטער יידישער אינטעליגענץ, גלויבט ער נאך אלץ, אז ס'איז מעגליך א יידישע קולטור־שאפונג אויך אין דער רוסישער שפראך. פון דער אנדערער זייט ווערען אין אים אלץ שטארקער די ראמאנטישע שטימונגען פון דעם ציוניזם. האבענדיג דעם טיפסטען יראת־הכבוד צו אלע אנטוויקלונגען פון דעם יידישען פאלקסגייסט פאר די טויזענדער יארען פון זיין היסטארישען לעבען, איז ער אויך פול פיעטעט צו העברעאיש. אויף דעם באדען ווערט ער איינער פון די פארטרעטער פון דער ריכטונג, וועלכע אנערקענט די גלייכבארעכטיגונג פון די דריי שפראכען (יידיש, העברעאיש, רוסיש) פאר דעם יידישען פאלק אין רוסלאנד, די ריכטונג, וועלכע גרופירט זיך ארום דער נאציאנאל־געשטימטער יידישער אינטעליגענץ אין פעטערבורג און געפינט איר אויסדרוק אין די זשורנאלען „יעווריסקי מיר" און „יעווריסקאיע אבאזרעניע". אנ—סקי איז איינער פון די נאענטסטע מיטארבעטער אין די דאזיגע זשורנאלען און זוכט בפועל־ממש צו דערווייזען, אז יידישע קולטור־שאפונג איז מעגליך אויף רוסיש. אין דעם מאנאטליכען „יעווריסקי מיר" דרוקט ער איבערזעצונגען פון זיינע פאלקסטימליכע יידישע ווערק, ווי קאפיטלאך פון „אשמדאי", די חסידישע לעגענדע „א דין־תורה" 19), דאס ליד פון יידיש־נאציאנאלען שטאלץ און פאטאס „אויף וועמען קלאגט זיין גייסט" א. אז. וו. ער זעצט אויך איבער פאר דעם דאזיגען זשורנאל פרצעס דראמע „אין פאליש אויפן קייט", דוד איינהארנס שירים א. אז. וו.

פאר זיין באציאונג צו דער שפראכפראגע און צו דער קולטור־ארבעט אין יענער צייט איז כאראקטעריסטיש זיין פאלעמיק מיט ש. ניגער אין דעם וועכענטליכען „יעווריסקי מיר" (נום. 19—20, 1910).

אנ—סקיס געמיט און גייסטיגע שטימונג פון יענער צייט, וואס חייבט אן א נייע, די לעצטע עפאכע פון זיין רייכען לעבען, האט זיך ארויסגעוויזען אין זיין רעדע, וואס ער האט געהאלטען דעם 9טן יאנואר 1910 אויף דעם באנקעט, וואס מ'האט אים געמאכט אין פעטערבורג לכבוד זיין 25 יאריקער ליטעראַרישער טעטיקייט 20) אלס ענטפער אויף די באגריסונגען פון

---

יידישער פאלקסשאפונג האט ער אויך אפגעדרוקט אין זשיטלאווסקיס „דאס נייע לעבען" (ניו־יארק, 1910) אונטערן נאמען „די גרונדשטריכען פון דעם יידישען פאלקסשאפען".

19) אויף יידיש פארעפענטליכט אין זשיטלאווסקיס ניו־יארקער זשורנאל „דאס נייע לעבען". אנ—סקי האט אפגעדרוקט א ריי אנדערע בעלעטריסטישע ווערק זיינע.

20) די יובילייום־פייערונג גופא איז פארגעקומען דעם 27סטען דעצעמבער 1909 אין דער

מ. קולישער, מ. טריוואוס, ש. גינזבורג, מ. ווינאווער, א. אידעלסאָן, ג. סליאָזבערג, א. זעלדאָוו, י. מאַרקאָן און אַנד. דאָס איז געווען אַ ריירענדיג־טרויעריגער ווידוי פון אַ ייִדישען שרייבער, וואָס זיין נשמה איז צעריסען, וואָס ער לעבט אויף צוויי גאַסען, לעבט מיט דריי שפּראַכען, זיך וואַרפענדיג אויף אַלע זייטען. ער גלויבט אָבער, אַז ס׳וועלען אָנקומען בעסערע צייטען און ער טרינקט פאַר דעם קיום פון דעם ייִדישען פאָלק. 21)

אַנ—סקי פאַרטיפט זיך אַלץ מער צו שטודירען דאָס פאָלק און זיין שאַפונג. צוערשט נאָר אַ צופעליגער מיטאַרבעטער פון דער ייִדישער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פּעטערבורג, וואו ער טרעט פיילמאָל אַרויס מיט רעפעראַטען 22), גייט ער אין יאָר 1911 אַריין אין קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט און נעמט דעם נאָענטסטען אָנטייל צו אָרגאַניזירען די ערשטע „וויסענשאַפטליכע עקספּעדיציע אויפען נאָמען פון באַראָן וואָראָץ גינזבורג צו זאַמלען די ווערק פון דעם ייִדישען פאָלקלאָר״. די אָנפירונג פון דער דאָזיגער עקספּעדיציע ווערט איבערגעגעבען אַנ—סקין, און צוזאַמען מיט דעם באַקאַנטען ייִדישען מוזיקער יוליוס ענגעל און יודאָווינען באַזוכט ער איבער 66 פונקטען פון וואָלין און פּאָדאָליע, זאַמלט צונויף רייכע קאָלעקציעס פון אַלטע. און זעלטענע מוזיי־חפצים און כתבי־ידן (איבער 800), פאָלקס־מעשיות, לעגענדעס, לידער, ניגונים א. אַז. וו.

די דאָזיגע עקספּעדיציע — די איינציגע אין איר אַרט ביי אונז — האָט אים געגעבען אַן אומגעהויער רייכען מאַטעריאַל פון דער ייִדישער פאָלקסשאַפונג און האָט אויך אַרויסגערופען דעם גרעסטען אינטערעס אין די קרייזען פון דער פאָלקסטימליכער ייִדישער אינטעליגענץ. אַנ—סקי קלייבט זיך צו באַאַרבעטען דעם דאָזיגען אומגעהויערען מאַטעריאַל (ביז אויף 40 בענדער), אָבער עס קומט אָן די וועלט־מלחמה און ער ווערט אַריינגעצויגען אין דער דרינגליכער הילפס־אַרבעט פאַר די קרבנות אירע. אַלס באַפולמעכטיגטער פון דעם „פאַרבאַנד פון די רוסישע שטעט״ אונטערען צודעק פון דער גאָס. דומע, האַלט ער זיך אויף אין סאַמע רעכטען גיהנום, וואָס האָט זיך געשאַפען אין די מלחמה־ערטער פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג. ברענגענדיג הילף, מאָראַלישע און מאַטעריעלע, די פאַראומגליקטע קיבוצים און קהילות, שרייבט ער אויך דאָס נייע איכה־ווערק אונזערס, זיין גרויס בוך „חורבן גאַליציע״.

נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע וואַרפט ער זיך ווידער אַריין אין דער פּאָליטישער אַרבעט און ווערט אויסגעקליבען אין אַ ריי אָנפירענדיגע אינסטיטוציעס און אים ווערען איבערגעגעבען וויכטיגע פּאָליטישע מיסיעס. ער פאָרט אויך אַרום אין מאָהילעווער גוב. צו אַגיטירען בעת די וואַלען צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פאַר דער ס״רישער פּאַרטיי און פון דער דאָזיגער פּאַרטיי גייט ער אויך דורך אין דער ערשטער רוסישער קאָנסטיטואַנטע.

אָבער עס קומען אָן די אָקטאָבער־טעג פון יאָר 1917. אַנ—סקיס פּאַרטיי פאַרלירט די פּאָליטישע מאַכט און פאַלט אַרונטער אונטער די רדיפות פון די נייע מאַכטהאָבער.

אַנ—סקי קען ניט אויסהאַלטען די שרעקען פון דער צופלאַקערטער בירגער־מלחמה און אַגב איז ער אַליין ניט זיכער אין דער צייט, ווען די ס״רן ווערען ערקלערט אַלס די גרעסטע שונאים פון די באָלשעוויקעס. אַ געוויסע צייט האַלט ער זיך אויף אין מאָסקווע.

אין יענער צייט שרייבט ער פאַר דעם מאָסקווער קינסטלערישען טעאַטער גלייכצייטיג אויף ייִדיש און רוסיש זיין מיסטיש־סימבאָלישע דראַמע „צווישען צוויי וועלטען״ („דער דיבוק״)23),

---

ייִדישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אין פּעטערבורג אין דער אָנוועזענהייט פון אַן אומגעהויער גרויסען עולם.

21) זע דעם וועכענטליכען „יעװר. מיר״ 1910, I און III.

22) למשל ווענען די געזעלשאַפטליכע עלעמענטען אין דער ייִדישער פאָלקסשאַפונג (געהאַלטען דעם 10טען דעצעמבער 1909), די פּאָטערלענדישע (נאַפּאָלעאָנישע) מלחמה און די ייִדען (געהאַלטען אין יאָר 1911) א. אַנד.

23) אַרויס אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע אין ווילנע, 1919; אויף העברעאיש איבערזעצט

דאָס איז איינס פון די טיפּסטע און שענסטע ווערק אין אַנ—סקיס שאַפֿן און אין דער יידישער ליטעראַטור בכלל. אויך „דער טורים אין רוים״—איינס פון די עכטסטע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור אין גייסט פון דער יידישער פאָלקס־מעשה—האָט אַנ—סקי, ווייזט אויס, אָנגעשריבן אין יענער צייט 24).

דאַן אין האַרבסט 1918 פאַרלאָזט אַנ—סקי רוסלאַנד און קומט קיין ווילנע. זיין גרויסן אַרכיוו און די ווערטפולע זאַמלונגען פון די פאָלקלאָריסטיש־עטנאָגראַפישע עקספּעדיציעס מוז ער איבערלאָזן, און ער לעבט די גאַנצע צייט אין שרעק פאַר דעם גורל פון די דאָזיגע אוצרות, אין וועלכע ער האָט אַריינגעלייגט זיין גאַנצע נשמה.

אין ווילנע קומט אַנ—סקי דורך אַ קורצע קראַנקהייט און ווי נאָר ער האָט די מעגליכקייט צו פאַרלאָזן דאָס בעט אין משמרת־חולים הויבט ער אָן צו נעמען דעם אַקטיווסטען אָנטייל אין דעם געזעלשאַפטליכען און קולטורעלען לעבען פון דער שטאָט.

עס קומען אָן די שרעקליכע אַפּריל־טעג, דער טויט פון ווייטערן; אַנ—סקי איז טיף צעשרייסעלט און זיינע קראַנקהייטען רופען זיך אַלץ שווערער אָפּ, ביז ער איז געצוואונגען אינמיטן יוני צו פאַרלאָזן ווילנע, וועלכע איז אים געוואָרען אַזוי ליב און טייער, און פאָרט אַוועק אין דעם קוראָרט אָטוואָצק ביי וואַרשע אָפּצורוען זיך פון די שווערע איבער־לעבענישען, וואָס אים איז אויסגעקומען איבערצוטראָגען אין ווילנע. אָבער אויך דאָרט קען ער ניט רוען. אַ סך אָפטער, ווי דאָס ערלויבט אים זיין געזונט־צושטאַנד, קומט ער קיין וואַרשע, אַרבעט זעהר פיל ליטעראַריש, דרוקט יעדע וואָך דערציילונגען, זכרונות, אַרטיקלען, חסידישע מעשיות אין „מאָמענט״, גרייט צו אַ פולשטענדיגע יידישע אויסגאַבע פון אַלע זיינע ווערק 25).

אָבער זיין געזונט־צושטאַנד ווערט אַלץ ערגער. אין פרילינג ווערט ער געפערליך קראַנק אויף אַ לונגען־אָנצינדונג, און הגם די גרויסע השגחה און די רעטונג פון זיינע פריינד, די וואַרשעווער יידישע דאָקטוירים, האָבען אים אַרויסגעראַטעוועט פון דער גרויסער סכנה, האָט ער שוין זינט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ שטן.

דער אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי קיין אָטוואָצק צווינגט אים צו פאַרלאָזן דעם קוראָרט און ער באַזעצט זיך אין וואַרשע, אין דער קליניק פון ד״ר מ. הורוויטש. ער פילט זיך עלענט און איינזאַם אין דער גרויסער שטאָט, בענקט נאָך ווילנע, נאָך זיינע חברים און פריינד אין די לענדער, פון וועלכע ער איז אַזוי אָפּגעריסען, נאָך זיין טייערסטען חבר און פריינד פון זיין גאַנצען לעבען, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, מיט וועלכען ער האָפט זיך נאָך צו טרעפען אין דער שווייץ אָדער אין ארץ־ישראל.

און דאָך איז ער נאָך אַלץ מונטער און גייסטיג פריש, אַרבעט זעהר אינטענסיוו, וויל זיך ניט שיידען מיט דעם שרייבטיש, טראַכט וועגען גרינדען אַ יידישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט אין וואַרשע און אָרגאַניזירט די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט, וואו ער איז דער ראש־המדברים און באַטייליגט זיך אין די וויכוחים.

דאָס איז זיין לעצטע אַרבעט אויף דעם פעלד, וואָס ער האָט אַזוי פלייסיג באַאַרבעט פאַר די לעצטע צען—צוועלף יאָר פון זיין ברויזענדיגען פרוכטבאַרען לעבען.

אויף מאָרגען נאָך דער זיצונג, מאָנטאָג, דעם 8־טען נאָוועמבער 1920, האַלב אַכט אַ זייגער אין אָוונט ווערט פּלוצלונג אויסגעלאָשען דאָס דאָזיגע לעבען. און אויף דער יידישער וועלט, וועלכע איז פאַר די לעצטע יאָרען אַזוי שטאַרק געשטראָפט געוואָרען, פאַלט אַ טיפער פינסטערער טרויער.

ז. רייזען.

---

פון ח. ביאַליק. ווערט איצט אויסגעפירט פון דעם גרויסען יידישען אַקטיאָר שילדקרויט אין ניו־יאָרק און פון דער ווילנער טרופּע אין וואַרשע.

24) פאַרעפענטליכט אין דעם „וויטער־בוך״, ווילנע 1920. אין דעם דאָזיגען בוך איז אויך איבערגעדרוקט אַנ—סקיס נעקראָלאָג אויף א. וויטער.

25) איין באַנד פון זיינע „געזאַמעלטע שריפטען״ אין יידיש איז אַרויס נאָך אין יאָר 1911 אין פעטערבורגער פאַרלאַג „עזרא״.

# צו דער כאראקטעריסטיק פון ש. אנ-סקי.

## I.

דער בולטסטער שטריך אין אנ-סקיס טעטיגקייט און באנעמונג צו מענשען איז געווען א באזונדערע ערנסטקייט, וואס פלעגט דערגיין ביז א הייליגען עקסטאז אין דער ארבעט און שאפונג.

די דאזיגע ערנסטקייט האט זיך ארויסגעוויזען אין אלע אנ-סקיס ווערק, אין זיינע מעשים און אין זיין לעבען און האט אויפגעדעקט די ערליכקייט, אפענקייט און דרייסטקייט פון זיין כאראקטער.

אנ-סקי האט ניט געקאנט אריבערטראגען א וועלכע ניט איז לייכטע באציהונג אין געזעלשאפטליכע ענינים, ער איז געווען א שטרייננער שופט, א שומר פון דער אפיציעלער זייט ניט צוליב דעם פארמאליזם, נאר צוליב דער אזוי צו זאגען יום-טובדיגקייט פון דער זאך, צוליב איר תוכן און וויכטיגקייט.

ער האט אפגעהיט דעם כבוד פון דער געזעלשאפטליכקייט און האט נאך בעהאט יענע אידעלע באציהונג און אכטונג צו מענשען, וואס איז פארשוואונדען צוזאמען מיט די גרויסע טוער און קולטורטרעגער פון אלטען דור.

און מחמת אט דער הומאניטארער באציהונג האט ער, פון דער אנדער זייט, קיינמאל ניט געלאזען אן אן ענטפער א פרעמדען אנגריף, האט קיינמאל ניט דורכגעלאזען פארביי די אויערען א צווייזייטיגע באמערקונג, האט קיינמאל ניט געלאזען וועמען ניט איז „קריכען אויפן קאפ".

ער פלעגט אין אזוינע פאלען תיכף אויסטענהנען זיך, פלעגט ניט אפלאזען ביז וואנען ער פלעגט ניט דערגיין ביזן סוף און פלעגט ניט פייערליך ארויס-ברייננען דעם אמת אויבענאן.

און אין וועלכע פעסטע גרעניצען ער פלעגט ניט האלטען דעם „יצר הרע" אין מענשען, — נאך פעסטערע גרעניצען האט ער זיך אליין געשטעלט אין זיין אייגענעם משא ומתן מיט מענשען.

און אין דער הינזיכט ווי אין א סך אנדערע איז אנ-סקי געווען די אינטערע-סאנטסטע און ליכטיגסטע פערזענליכקייט צווישען אונזער אנפירענדיגער אינטע-ליגענץ און וועט זיין א לערער פאר גאנצע דורות.

איך דערמאן זיך אן עפיזאד פון מיין געמיינזאמער ארבעט מיט אנ-סקין.

דאס איז געווען אין די חדשים נאוועמבער—דעצעמבער 1918 אין ארגא-ניזור קאמיטעט פאר די וואלען צו דער ערשטער יידישער דעמאקראטישער קהלה אין ווילנע.

די ארבעט, וועלכע [illegible] געווען זעהר אן אנגעשטרייננטע און איז געפירט געווארען טאג ווי נאכט [illegible] געצויגען אנ-סקין בלב ונפש און ער האט איר פון זיין זייט צוגעגעבען [illegible] אונדערע דערהויבענקייט, קוקענדיג אויף איר אויף דעם וויכטיגסטען ד[illegible]קראטישען און נאציאנאלען אינסטו, וואס דארף

בריינגען צו דער איינריכטונג פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אויף נייע יסודות, דעם ערשטען מאָל נאָך 150 יאָר.

אין די אַלע פּילצאָליגע זיצונגען, אין וועלכע ס׳פּלעגען זיך באַטייליגען אויסדערוויילטע פאָרשטייער פון אַלע ריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס, פון עקסטרעם לינק ביז עקסטרעם רעכטס, האָט אַנ—סקי אַן איבעריגען מאָל ארויסגעוויזען זיין ערנסטקייט און איבערגעבענקייט צו דער געזעלשאַפטליכער ארבעט, און די קריסטאַל-ריינקייט פון זיין נשמה, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אויף „אייביגע אמתען", פלעגט אָנשטעקען די ארומיגע סביבה און איר ווירקונג איז אַלע מאָל געווען גרויס און טיף.

איך געדיינק שוין ניט אויף וועלכע זיצונג (איך בין געווען דער גענעראַל-סעקרעטאַר און אַנ—סקי אַ מיטגליד פון פּרעזידיום) האָט אַנ—סקי זיך שאַרף ארויסגעזאָגט קעגען אַ געוויסען פאָרשלאָג און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט אין די רייד מיט עפּעס וואָס אָנגערירט אויף מיר. די זיצונג האָט זיך פאַרצויגען, ווי געוויינליך, ביז שפּעט אין דער נאַכט, — און ס׳איז ניט אריבער די דאָזיגע נאַכט, ווי גלייך אויפן פרימאָרגען האָב איך באַקומען פון אַנ—סקי׳ן פאָלגענדען בריוו:

— „טייערער שאַליט!

שאַבאַר האָט מיר געזאָגט, אַז אויף אייך האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז איך בין ארויסגעטראָטען אַנטקעגען אייך. איך שווער אייך ביי משה רבינו מיט מאַרקסען צוזאַמען, אַז אפילו אין זינען האָב איך ניט געהאַט קעגען אייך עפּעס צו זאָגען. און מיר איז אין זינען ניט איינגעפאַלען, אַז איר זאָלט עס קענען אָננעמען אזוי.

נאָר אויב איך בין משוגע און אין מיינע רייד איז געווען עפּעס באַליידיגענדעס, — בעט איך אייך מחילה.

איך דריק אייך פריינדליך די האַנט.

אייער ש. אַנ—סקי".

אָט אַזוי פאָרזיכטיג און ערנסט האָט זיך אַנ—סקי באַצויגען צו יעדען וואָרט זיינעם, אַכטענדיג די ארבעט, און אַזוי אַנטקעגענקומענדיג צו פרעמדע געפילען, ווען אים האָט זיך בלויז געדוכט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער.

אין דער ארבעט פון אָרגאַניזיר-קאָמיטעט, וועלכע איז געפירט געוואָרען מיט אַלע הדורים פון עכטען פּאַרלאַמענטאַריזם און פּאַרטיי-פאַרשטייערשאַפט, האָט זיך בכלל אַנ—סקי ארויסגעוויזען אין זיין גאַנצער פּילפּאַכיגקייט פון אַ נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישען עסקן. ער האָט ניט דורכגעלאָזען קיין איין קליינגיקייט, ניט נעמענדיג איר פון דער פּרינציפּיעלער זייט [illegible] אומעטום, וואו ס׳האָט נאָר געקענט בריינגען צו אַ שפּאַלטונג, — און אַז[illegible]טען זיינען געווען ניט ווייניג, — האָט ער זיך ניט באַרוהיגט כל זמ[illegible] ניט אויסגעגליכען געוואָרען די שטרייטיגקייטען און ס׳איז ניט געפונען; געוואָרען דער קאָמפּראָמיס אָדער דער הסכם.

ער האָט תמיד באַטראַכט די זאַך פון אַ געוויסער הויך, — און זיין הארץ, וואָס האָט אַזוי געבלוטיגט פאַר אַלע יידישע צרות, רדיפות און הפקרות, איז געווען פול מיט ליבע און שטאָלץ, וואָס ענדליך איז געקומען דער מאָמענט, ווען אַלע שיכטען פון יידישען פאָלק ריידען זיך צונויף צו אַ געמיינזאַמע באַוועגונג,—יעדער פון זיין שטאַנדפּונקט,—פון אַ יידישער העכסטער רעפּרעזענטאַנץ...

פאַר אַלע „גרויסע טעג", ווען מען פלעגט דאַרפען באַטראַכטען און באַשליסען קאַרדינאַלע שטריט-פראַגען, פלעגט אַנ—סקי זיך באַזונדערס „צוגרייטען". ער פלעגט דורכטראַכטען אַלע פּרטים און פלעגט אפילו וויסען פון דערוויטענס, ווען צוליב אַ וועלכער ניט איז אומאָפּהענגיגער סיבה פלעגט ער ניט קענען קומען צו דער זיצונג.

אַזוי איז געווען גראָד דאַן, ווען מען האָט געדאַרפט באַשליסען די פראַגע אויף וועלכע שפּראַכען זאָל מען דרוקען די אַפישען פון אָרגאַניזיר-קאָמיטעט אויף יידיש און העברעאיש צוזאַמען צו בלויז אויף יידיש. אַ פראַגע, וואָס האָט לייכט געקאָנט ברענגען צו שפּאַלטונג און במילא צו דעם חורבן פון דעם אַזוי שווער אויפגעשטעלטען בנין...

יעדע איינציגע שטימע איז געווען וויכטיג.

אַנ—סקי איז דאַן געווען אָוועקגעפאָרען קיין ביאַליסטאָק אויף אַ לעקציע. און אָט באַקום איך פון אים פאָלגענדען בריוו, דאַטירט דעם 8-טען דעצעמב. 1918.

— „טייערער פריינד, שאָליט.

צו מיין גרויס באַדויערן האָב איך קיין שום מעגליכקייט ניט אומצוקערען זיך אין ווילנע מאָנטאָג צו דער זיצונג פון פּלענום. דאָ, אין ביאַליסטאָק, האָט מען נאָך פאַר מיין קומען באַשטימט אויף מאָנטאָג מיין צווייטע פאָרלעזונג און געדונגען אַ זאַל. צוגלייך האָט מען אויף דינסטאָג באַשטימט מיין לעקציע אין גראָדנע. אויף אַזאַ אופן וועל איך קומען אין ווילנע נאָר מיטוואָך און אפשר דאָנערשטאָג.

איך שרייב אייך וועגען דעם באַריכות, ווייל איך האָב אייך פאַרשפּראָכען זיין מאָנטאָג אויף דער זיצונג און מיטהעלפען ס'זאָל ניט אַרויסשפּרינגען קיין אינצידענטען. מיך באַאומרוהיגט די זיצונג. זעט, באַשטימט די פראַגע אין פּרעזידיום און פירט עס נאָכדעם דורך אויף דער זיצונג ביד חזקה אָן דעבאַטען. הייזט אויף, אַז דער פּרעזידיום- איז אומפּאַרטעאיש, אַז דאָרטען זיצען מענשען, וואָס זיינען אויסגעקליבען ניט בלויז צו „ערפילען" וואָס מען הייסט זיי, נאָר (ביירעט) אויך צו אָננעמען ווען ס'איז נויטיג באַשלוסען. און אַנדערש קען דער פּרעזידיום ניט אַרבעטען.

מיט מיין הערצליכסטען גרוס.

אייער ש. אַנ—סקי".

P. S. דאָ זיינען די וואַל-מודעות געדרוקט אין ביידע שפּראַכען".

דער פּאָסט-קריפּטום האָט ביי אַנ—סקין געהאַט די גרעסטע באַדייטונג:

ער איז אליין געווען דערפאר, אז ביידע שפראכן זאל געגעבן ווערן דאס רעכט.

דער פארשלאג איז דורכגעגאנגען נאך א שווערן שטרייט און נאמענט־ליכער שריפטליכער אפשטימונג צווישן די פארטייען און ארגאניזאציעס.

דער בנין, וואס איז געבויט געווארן נאך א הארטן קאמף אין משך פון יארן קעגן פארשיידענע „צ. ק."ען און ניט גערופענע אפוטרופסים, איז דערפירט געווארן צום סוף — און איינעם שוועל פון נייעם יאר — 1919 — האט די יידישע ווילנע שוין געהאט די ערשטע דעמאקראטישע קהלה, די אמת'ע פארשטייערין פון דער גאנצער יידישער באפעלקערונג אין ירושלים דליטא מיט די פיר גרעסטע פארטייען און גרופעס: ציוניסטן, בונד, ארטאדאקסיע און האנטווערקער.

דאס איז געווען א גרויסער דעמאקראטישער און נאציאנאלער נצחון, — און א גרויסע פרייד.

אבער ניט לאנג האט עס געדויערט. די געשעהענישן זיינען אוועק מיט אן אומגעהויער גיכען טעמפ און האבן אין משך פון א קורצער צייט איבער־געאנדערשט די מחות. אין צוזאמענהאנג מיט די דאזיגע געשעהענישן זיינען די לינקע ארויס פון דער קהלה, דערנאך אין צוזאמענהאנג מיט אנדערע געשעהע־נישן זיינען זיי ווידער אריין אין איר און לסוף ווידער ארויס ביז היינטיגן טאג...

אנ—סקין האט דער אוועקגאנג פון די לינקע זעהר געקריינקט און נאך מער האט אים געקריינקט די איינגעשפארטקייט פון די רעכטע, וואס האבן ניט געפונען פאר מעגליך צו בעטן אדער ארויסצוטראגן א רעזאלוציע מיט א פארלאנג, אז די לינקע זאלן זיך אומקערן.

אנ—סקי האט וועגן דעם אנגעשריבן א ווארימען ארטיקעל, און אין יעדער שורה פון אים טריפט א ווייטאג וואס די ערשטע יידישע דעמאקראטישע קהלה איז דאך צובראכן געווארן.

און הגם דער ארטיקעל הייסט „וואו איז לאגיק?" *) רעדט ער דאך ניט צום מח, נאר צום הארצן.

ער לייקנט ניט די שולד, וואס ליגט אויף די ארויסגעטראטענע, אבער ער וואלט וועלן, אז די פארבליבענע זאלן אויסדריקן זייער צער איבער דעם ארויסטריט, זאלן אויסדריקן „א שטרעבונג צו אחדות, אבער ניט קיין שטרע־בונג פון נקמה, וועלכע איז ווייט פון יידען"...

פאר אנ—סקין איז וויכטיג געווען דער מאראלישער פאסטולאט, דער שיינער עטישער זשעסט, די דעקלארירונג פון אן אמת'ער כל ישראל־פאליטיק,

---

*) דעם דאזיגן ארטיקעל (אין מאנוסקריפט), ווי אויך אלע בריוו און מאטעריאלן, וואס ווערן געבראכט אין דעם ביכעל, האב איך איבערגעגעבן דעם מוזיי פון דער ווילנער היסטאריש־עטנאגראפישער געזעלשאפט, וואס טראגט איצט דעם נאמען פון ש. אנ—סקי.

פון אן אחדות, פון א באוויז מצד די פּאָרבּליבענע, אז זיי ווילען ניט פירען קיינע שום פּאָליטישע חשבונות...

אנ—סקיס שטראַלענדע נשמה האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט פאַר־צאַמען זיך אין די ענגע ראַמען פון פּאָליטישע פּאַקטען און האָט נאָך אַלץ בּעגאַרט נאָך שיינע אידעאַלע מעשים פון א גייסטיגער ריטער־וועלט.

די ווירקליכקייט איז אָבער געווען אומבּרחמנותדיג.

די ווייטערדיגע אָקופּאַציעס זיינען ניט נאָר געווען א המשך פון דער פריהערדיגער, נאָר האָבען נאָך פאַרענדיגט אויסזויגען אַלע זאַפטען און האָבען פאַרדעקט די וועלט מיט דיקע גראָהע וואָלקענס.

## II.

...וואָס ווייטער איז אנ—סקי אַלץ מערער געוואָרען ייד. ניט אין דעם זין, אַז ער האָט אַלץ מער געשריבּען אויף יידישע טעמעס אָדער וועגען יידען.

זיין ערשטער ליטעראַרישער אַרויסטריט איז גראָד געווען א „יידישער", דערנאָך איז ער אַריבּער צו רוסיש, צום סוף ווידער צו יידיש.

דער ייד אנ—סקי האָט זיך, אָבער, אויסגעקריסטאַליזירט ערשט דאַן, ווען ער איז איינגאַנצען אַריין אין יידישען לעבּען, ווען ער האָט זיך אָפּגעטונקט אין דער יידישער סביבה פון אַמאָל און היינט.

און מיר בּאַקומען פאַר זיך א זעלטענע ערשיינונג, א פיינע און דער־הויבּענע, — א מערקווירדיגע פאַראייניגונג פון ייד און מענש, פון רעוואָלוציאָ־נער און אַלטערטימלער, פון אינטערנאַציאָנאַליסט און נאַציאָנאַליסט, פון סאָציאַליסט און ציוניסט, פון יידישיסט און העבּרעאיסט.

א פילפאַרביגע מאָזאַאיק, א קונסטווערק, אָבער גלייכצייטיג א סטיכישער סינטעז, אַן אָרגאַנישע שיינקייט.

דערמיט ערקלערט זיך א ריי פון ערשטען בּליק אומפאַרשטענדליכע היפוכים, סתירות און קעגענזאַצען אין זיין געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער. און דערמיט ערקלערט זיך אויך, פון דער אַנדער זייט, די קלאָרקייט און רוהיגקייט פון זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען, זייער אָבּיעקטיוויטעט און רעאַליזם.

אנ—סקי האָט אַלץ געוואָלט פאַראייניגען, אַלץ אַריינעמען, קיין זאַך ניט דורכלאָזען,—דאָס גאַנצע יידענטום איז אים געווען טייער. און אָפט איז ער געקומען פון יידענטום צום מענשענטום און פאַרקערט. דאָס יידענטום האָט ער אַלץ בּרייטער און טיפער פאַרשטאַנען, אַלץ מער און מער האָט ער זיך פאַרטיפט אין די אומענדליכע קוואַלען פון פאָלקסגייסט און פאָלקסשאַפונג.

פון זיינע ערשטע ווערק בּיזן „אשמדאי" איז א סך א לייכטערער און גרעסערער עטאַפּ, ווי פון „אשמדאי" בּיזן „דבוק".

אינמיטען פון צווייטען עטאַפּ, צווישען „אשמדאי" און „דבוק" געפינען מיר בּיי אנ—סקין אין אַן ערציילונג, אין איינער פון זיינע „רייזע־נאָטיצען" („סרעדי יודייסטוואָוויושטשיך"), פאָלגענדע אינטערעסאַנטע שורות:

„די צופעליגע באגעגעניש מיט די גרים, וואס האט אנטדעקט פאר מיר אײנעם פון די כאראקטעריסטישסטע שטריכען פון א פראסטען רוסישען מענשען, — די לײדענשאפטליכע גאטזוכעריי און דעם דורשט נאך א גייסטיגער גבורה — האט מיר געצווארנגען א קוק צו טאן אויפן יודאאיזם ניט נאר ווי אויף א נאציאנאלען, נאר ווי אויף אן אלגעמיין-מענשליכען, וועלט-ווערט"...

אין דעם זין איז אנ—סקי באמת געווארען וואס ווײטער אלץ מער ייד.

קיין איין פארטיי האט אים שוין מער ניט געקענט באפרידיגען. איין זייט פון יידישען לעבען האט אים ניט געקענט אײנגאנצען באהערשען. ער האט געזעהען פאר זיך דעם גײסט פון גאנצען פאלק.

און אים האט זיך דורכאויס געוואלט גרינדען א נייע „פארטיי", וואס זאל זיין ברייט און טיף, וואס זאל בהסכם מיט די אייגענטימליכקייטען פון יידישען לעבען סינטעזירען אלע זײנע ריכטונגען אויף די יסודות פון אינטערנאציאנאלען סאציאליזם און יידישען נאציאנאלען פאלקסטום.

איינמאל אין א פרימארגען האב איך באקומען פון אנ—סקין אן עקסטרע איינלאדונג צו קומען צו אים אויף דער דירה לעבן גרינעם בריק וועגען זעהר א וויכטיגען ענין.

אז איך בין געקומען אהין, האב איך שוין דארט געפונען אייניגע יונגע לייט, אנגעזעהענע טוער אין וויערע קרייזען, גרעסטענטייל געשטימטע נאציאנאל-סאציאליסטיש, עס-עריש וכדומה. אין דעם שטארק-אנגערויכערטען אומגעמיטליכען צימער איז שוין געגאנגען א הייסער שמועס וועגען אידעען און פרינציפען, וואס האט אזוי ווי לעבעדיג אויפגעשטעלט אין מיין זכרון די בילדער פון אנ—סקיס „פיאנעריי". איך האב זיך דערמאנט אן די הייסע ויכוחים פון די אמאליגע אידעאליסטען, — און האב גלייך פארשטאנען, אז דא שאפט זיך עפעס א נייער אני-מאמין.

דאס האט אנ—סקי צונויפגערופען אויף א ישוב-הדעת וועגען גרינדען א „יידישע נאציאנאל-סאציאליסטישע גרופע" (י. נ. ס. ג.).

ביי מיר איז פארבליבען די גרינטליך און גענוי אויסגעארבעטע פראגראם פון דער דאזיגער נייער פארטיי.

די פארטיי איז ניט געגרינדעט געווארען, — דאס פראגראם בלייבט, אבער, אלס היסטארישער מאטעריאל צו דער כאראקטעריסטיק פון אנ—סקיס וועלטאנשויאונג.

די י. נ. ס. ג. שטייט, פארשטייט זיך, אויפן באדען פון אינטערנאציאנאלען סאציאליזם, אבער דער סאציאליזם ווערט דא פארשטאנען אין ברייטען קולטורעלען זין, וואו דער אידעאלאגישער פאקטאר שפילט ניט קיין קלענערע ראל ווי דער עקאנאמישער און וואו דעם אויבנאן פארנעמט ניט די דיקטאטור פון פראלעטאריאט, נאר די מלוכה פון די ארבעטענדיגע. דער גייסט פון אלטען ס. ר. פארבלייבט אומגעבראכען.

דעם גרעסטען ארט אין פראגראם פארנעמט איר יידישער טייל, און גראד ער כאראקטעריזירט אנ—סקין אין פולען פארנעם.

דעם צענטער פארנעמט די יידישע נאציאנאל־פערסאנאלע אויטאנאמיע,— און באזונדערס אינטערעסאנט זיינען די פארמולירונגען פון דער שפראכען־און דערציהונגס־פראגע און פון ארץ־ישראל.

„העברעאיש און יידיש, ווערט געזאגט אין פראגראם, זיינען די פארשטייער פון די צוויי יידישע קולטורען, — פון דער אלט־נאציאנאלער און היינטוועלטליכער, און האלטענדיג, אז די יידישע קולטור דארף שעפען אירע זאפטען פון די ביידע קולטורען, האלט דערמיט די י. נ. ס. ג. ביידע שפראכען פאר גלייכבארעכטיגט אין דער קולטורעלער שאפונג.

וואס איז שייך די שול, איז נעמענדיג אין אכט די באדינגונגען פון ריין־טעכנישען כאראקטער, ווערט דער אונטערריכט אין איר געפירט אויף יידיש. דערביי דארף אבער העברעאיש געלערענט ווערען אין אזא מאס, אז דער וואקסענדער דור זאל זיך קענען אויף אים מער אדער ווייניגער פריי ארויס־זאגען, — און אויף אזא אופן וועט פאר די קומענדיגע דורות געעפענט ווערען א פרייער אויסוואל צווישען די ביידע שפראכען, אויב דאס יידענטום וועט וועלען פארבלייבען ביי איינעם פון זיי. העברעאיש איז נאך אויך נויטיג צו קענען צוליב א ריי אנדערע טעמים".

„די ערציהונג אין די שולן דארף זיין א וועלטליכע, אבער אין זיי דארף אויך דערלאזען ווערען דער אונטערריכט פון רעליגיעזע למודים, אויב דאס פארלאנגען די עלטערען אדער די שילער. די דאזיגע למודים דארפען באצאלט ווערען פון די סומעס פון רעליגיעזען ביודזשעט. פון די דאזיגע סומעס קען מען סובסידירען אויך ריין־רעליגיעזע שולען, וואס גרינדען זיך לויט דער פריוואטער איניציאטיוו אדער וואס ווערען איינגעארדענט דורך דער רעליגיעזער קהילה".

„די יידישע נאציאנאל־פערסאנאלע אויטאנאמיע דארף אויך דערגרייכען די אנערקענונג פון די רעכט פון יידישען פאלק אויף די קאלאניזירונג פון ארץ־ישראל און דארף מיטהעלפען בילדען דארט א יידישען קולטור־נאציא־נאלען צענטער.

די י. נ. ס. ג. וועט, — כדי צו באשאפען א גאנצע נאציאנאלע קולטור, כדי צו פאראייניגען אלע צושפרייטע איבער דער וועלט אויטאנאמיע יידישע מינדערהייטען און נאציאנאלע קהלות דורך איין קולטורעל־נאציאנאלער שא־פענדער אידעע, דורך איין צענטער, — פאדערען די אויפריכטונג פון יידישען מלוכה׳שען, גייסטיגען צענטער אין ארץ־ישראל, וואו ס׳וועלען זיך קענען אויס־ארבעטען די נאציאנאלע פארמען פון דער יידישער קולטור און וואו ס׳וועלען זיך קענען אנטוויקלען די נאציאנאל־קולטורעלע ווערטען".

די פארשיידענע וואריאנטען פון דער פראגראם חורן איבער די אלע געדאנקען אין זעלבען נוסח און באשטעטיגען די אלע אויבען־כאראקטעריזירטע שטריכען פון אנ—סקיס וועלטאנשויאונג.

ס׳איז קיין ספק ניט, אז אנ—סקי האט ניט געוואלט און ניט געקענט דורכלאזען קיין איין יידישען נאציאנאל־קולטורעלען ווערט, קיין איין רינגעלע

פון דער טויזנטיאָריגער קולטור פון יידישן פאָלק אין זיין שאפונגס-גייסט. אַנ—סקיס פאַרטיפונג אין יידישן אלטערטום און אין יידישן פאָלקלאָר האָבען געהאט די גרעסטע השפעה אויף זיין אינערליכע וועלט און אויף זיין יידישע וועלטאנשויאונג, וועלכע האָט זיך ניט געביטען און איז געווען פונקט אַזוי גראַניט-פעסט ווי זיין גאַנצע נאַטור.

און ווייל ער איז געשטאַנען איבער דער צייט און העכער פון דער צייט האָבען קיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע איבערקערענישען ניט געהאט ביכולת צו ברעכען זיין גייסט און אַראָפּצופירען אים פון די „אייביגע אמת׳ן", אַן וועלכע ער האָט זיך געהאַלטען מיט דער אומפאַרירטער קראַפט פון זיין גאַנצער גייסטיגער מהות.

און וואו אַנ—סקי האָט ניט געאַרבעט,—אין די געזעלשאַפטען, פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס, קינסטלערישע און אינטימע אָוועגדען,—אומעטום האָט געשוועבט און געווירקט זיין האַרטער און ווייכער, זיין שטרייגגער און מילדער כאַראַקטער, וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיינע שום קאָמפּראָמיסען, וואָס האָט ניט געוואָלט וויסען פון קיינע שום אָפּמאַכען מיט די „באַדינגונגען פון לעבען", אויב ס׳האָט זיך געשטעלט אין סכנה דער פוריטאַניזם פון די די הייליגע רעכט פון מענשען.

ס׳איז זיך גענוג צו דערמאָנען אַנ—סקיס אויפפירונג בעת דער באָלשעוויסטישער ממשלה.

ער האָט ניט נאָכגעגעבען אין קיין שום פּרט, ער האָט געקריינקט מיט זיין גאַנצער נשמה, ווען ער האָט געזען, ווי איינער נאָך דעם אַנדערען גייען אַ סך אַלע אָוועק אַרבעטען אויף דעם נייעם קולטור-פעלד, ער האָט געהאַלטען אין איין אויפהייבען אַז מיט „קערענקעס" קען מען קיין קולטור ניט שאַפען", אַז מען קען ניט מיט איין האַנט הייגען און מיט דער אַנדערער בויען די ליכטיגע סאָציאַליסטישע וועלט.

ער, דער אַלטער רעוואָלוציאָנער, דער אמתער ליבהאָבער פון פרייהייט, האָט אין די שטורמישע געפערליכסטע מאָמענטען ניט פאַרפעלקט קיין קוצי של יוד פון זיין הומאַניזם און סאָציאַליזם, ער האָט געקוקט ווייט איבער די שרעקען פון מאָמענט און האָט ניט אויפגעהערט צו גלויבען אין דעם נצחון פון דער אמתער פרייהייט אין דער אמתער גאָטס-וועלט אויפן עולם הזה.

און וואָס מער אַנ-סקי איז געוואָרען ייד,—אַלץ טייערער איז אים געוואָרען יעדע יידישע גייסטיגע באַוועגונג, יעדער נאַציאָנאַלער ווערט, יעדע ריינע געזעלשאַפטליכע שטרעבונג,—אַלע וועגען, וואָס פירען פון יידישן אלטערטום צום יידישן פאָלקסגייסט און אַזוי ווייטער. דעם אַנ-סקין ווען מיר דעם גאַנצען אַנ—סקין, וועלכער האָט זיך איבערגעגעבן דעם גאַנצען אומבאַוויסטן,—ער האָט בלויז אין זיין פּערזענליכקייט געפונען זיין נאַטירליכען שורש, דעם אייביגען קוואַל פון דער יידישער פאָלקסטימליכקייט און נאַציאָנאַלער שאַפונג.

מ. שאַליט.

67767
ב״ה ע׳
יידישע ...
ווילנא
Knygų Rūmai
Knygų
Saugykla

# דאָקומענטן

די נאָטיצען וואָס מיר ברייגגען דאָ, זיינען אלע גענומען פון אנ—סקיס איבערגעבליבענע פאפירען. — דער העברעאישער פראגמענט איז אנ—סקיס א פרוב אליין איבערצוזעצען זיין ערציילונג „גאָלאָדניי". — די אויסצוגען פון די קאָנספעקטען זיינען דער ערשטער צו א פאָליטישער לעקציע און דער צווייטער צו א לעקציע וועגן פאָלקלאָר. **רעד.**

## אנ-סקים העברעאיש.

הייתי בן עשרים שנה. גרתי באחת מערי רוסיה-הלבנה, הרחק מעיר מולדתי. עם אבותי, בעלי אמונה, יראים וחרדים קרעתי כל מגע ומשא. מהסביבה היהודית הרחקתי עוד מקדם. חייתי חיי דרור כעוף השמים. הייתי מורה-שעות והזמנתי את עצמי להאוניברסיטט.

בכלל החיים היה טוב. בסביבת בלהקת חברים עסקנו בוכוחים ופלפולים על אודת השאלות הגבהות, האנושיות. בנפשנו זרחה ופרחה האמונה הצחה בהעתיד הטוב. רק... הבטן היה לפעמים רק. אבל לא שמנו לב על דבר מעט כזה.

---

## אנ-סקי וועגן סאָציאַליזם.

ווי מאַטעריאַליסטיש מען זאָל ניט אויסנעמען די אידעע פון סאָציאַליזם, בלייבט זי דאָך אין איר גרונט אן אַלטרואיסטישע. אַלטרואיסטיש איז זי ניט אין דעם זין וואָס זי שטרעבט צו א זעלבסטאָפּפערונג פון איין פּערזענליכקייט פאַר דער צווייטער, נאָר אין דעם, וואָס זאָרגענדיג וועגען די אינטערעסען פון יעדען איינציגען, זאָרגט זי דערמיט וועגען די אינטערעסען פון אלעמען. סאָציאַ-ליזם באַוואָרנט דעם אַרבעטער פון דעם, אז קיינער זאָל ניט באַגזלענען דעם צווייטען. שלי שלי ושלך שלך.

וואָלט זיך סאָציאַליזם באַגרעניצען מיט דער קאָנצעפּציע, וואָלט עס אין אַ געוויסער מאָס טאַקע געווען מידת סדום, ווייל עס וואָלט אינגאַנצען אָפּטיילען איין מענשען פון אַנדערען. נאָר ווי מיר ווייסען, באַנוגענט זיך סאָציאַליזם ניט מיט דעם. ניט גזלגען און ניט באַגזלט זיין— יאָ, אָבער ניט אָפּטיילען זיך. פאַרקערט, וואָס מער דערנעהענטערען זיך. סאָציאַליזם נעמט אַריין אין זיך די פאַרשטעלונג וועגען קאָלעקטיוויטעט.

---

## אנ-סקים קאָנספּעקטען צו א לעקציע.

I.

נאַציאָנאַלע פראַגע.

סאָצ. דעמ. אַ לאַנגע צייט אָפּגעוואָרפען. אַרבעטער פון אַלע נאַציעס די-זעלבע אינטערעסען. קלערען וועגען נאַציע. טראַכט זיך וועגען אַלעמען. מיש צונויף. אַרויסגעוויזען, אַז עס איז ניט אַזוי. יעדעס פאָלק זיין שפּראַך, אינטערעסען, פאָרמען פון לעבען, ליטעראַטור, עקאָנאָמיק. יעדעס פאָלק וויל זיך אַנטוויקלען פריי.

דער אַרבעטער קען העלפען דעם אַנד. אין עקאָנאָמיק, אָבער ניט אין קולטור. אין דעם דער חילוק צווישען סאָצ. דעמ. און סאָצ. רעוו.

ציל פון לעבען. אלזייטיגע אנטוויקלונג פון דער נאטור. מדות פון נאטור. מדות פון נאציע. יעדע נאציע זאל קענען פריי אנטוויקלען אירע כחות.

דרום־פראגראם. נאציאנאלע רעכט. יעדעס פאלק באשטימט זיין גורל.

רעכט פון די מינדערהייטען. עקסטעריטאריאלע פאלק. פערסאנאלע אויטאנאמיע.

די זאנדערהייטען פון יידישען לעבען. ניטא קיין בונד צווישען קלאסען. קען ניט באשטימען דעם לעבען. מערהייט ווערט אריינגעשטעלט אין פרעמדע קולטורען.

ציוניזם. און אויטאנאמיזם.

צ י ו נ י ז ם. א גלייכע טעאריע. וואלט זיין ריכטיג ווען דעם לעבען וואלט מען קענען קנעטען. ווייניג ארט.— מען וועט ניט גיין. — געווינט צו יעווראפע. אפשוואכען דעם לעבען דא.

א ו ו ט א נ א מ י ז ם. ניט גאר אזוי, אבער פארט. דעם גאנצען קולטורעלען לעבען, קיינער מישט זיך ניט אריין. עקאנאמיק, — מערהייט. אפשר טעריטאריעס יידישע. פארט ניט דאס, די געפאר. צושפליטערונג. צוטיילונג. —

א צענטער. דער צענטער אין ארץ־ישראל. ווי א הויפטשטאט.

די קהילה. די שול. די שפראך.

---

II.

די גרונד־[illegible] פון יעדער פאלקסשאפונג איז קאמף.

מלחמה צווישען [illegible] צווישען העלדען. געוויינליכע מענשען. קאמף פאר מאכט. קאמף פאר [illegible]. קאמף פאר פרייהייט. קאמף פאר דעם אמת. גאנץ אנדערש— יידישע [illegible].

[illegible] קאמף פאר [illegible] סרויען, פון איפערזוכט און גאוה. פאראן קאמף, אבער [illegible] א גאנץ [illegible] באדען.

[illegible] פארנויגען זיך פארן פיזישן כח. עס זיגט דער שטארקערער. דער [illegible], דער העלד, דער גבור. ביי יידען פארקערט. דער שוואכער זיגט [illegible] שטארקען. ביישפילען: ביבעל, נביאים, הגדה. אל יתגבר גבור בגבורתו. [illegible] גייסטיגער / כח פון שוואכען. גייסטיגען כח דארף מען באקומען.

א ציקעל [illegible] ווי דער גבור באקומט זיין כח.

ער פוט [illegible] פונם אינדיווידועלען איך. דרינגט אריין אין וועלט־גייסט. דאן ווערט ער [illegible] מיט גארנישט געשטערט. ווייס וואוהין צו גיין.

ביי אלע [illegible] היידנישע טענדענצען.

ביי אונז [illegible]טעאיסטישע. ניטא קיין חיות און עסות. ניטא קיין נאאי־וויטעט. [illegible] ניטא קיין פרוי, ליבע. ניטא קיין קאמף.

---

| | | |
|---|---|---|
| 50 פרייז<br>פ. מארק. | ר ע ד א ק צ י ע :<br>מ. שאליט, ווילנע, וועגלאווא 12, וו. 24.<br>ה ו י פ ט פ א ר ק ו י ף :<br>פארלאג ש. שרעבערק, ווילנע, רודניצקער 16. | 50 פרייז<br>פ. מארק. |

דרוקעריי ברידער ראזענטאל ווילנע רודניצקער 7.

Drukarnia Br. Rosental, Wilno, Radnicka ul. 7.